STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11117

BIREBIDZSHAN IN 1935 UN IN 1936 YOR

B. I. Trotski

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ב. אי. טראָצקי

בירעבידזשאנ אינ 1935
אונ אינ 1936 יאָר

פאָרטראָג אפנ פלענומ פונ געזערד דעמ 4 פעווראל 1936 י.

פארלאג „עמעס“, מאָסקווע 1936

Редактор—М. Литваков. Техред—С. Абрам. Корректор—М. Иткин.
Сдано в набор—19/III—36 г. Подписано к печати 29/III – 36 г.
Ф. б. 72X105$^1/_{32}$. 4 п. л. Уполном. Главлита Б—21291. „Эмес" № 54.
Тираж 4000. Тип. „Дер Эмес", Москва, Покровка, 9. Зак. № 351.

די ייִדישע אווטאָנאָמע געגנט צו דער צווייטער סעסיע
פונעמ ציק פונ פססר פונעמ VII צונויפרופ, דער פלאנ פונ
איר פאָלקווירטשאפטלעכער בויונג אפנ יאָר 1936 אונ די
אופגאבנ פונעמ קאָמערד אונ געזערד אפנ נאָענטסטנ
פעריאָד

I

אַרײַנפיר

די אָקאָרשט פאַרענדיקטע צווייטע סעסיע פונעמ צי"ק פונ פסס"ר פונעמ VII צונויפרופ האָט אונטערגעצויגנ די סאַכאַקלענ פונ דער סאָציאַליסטישער בויונג פונעמ גאַנצנ פאַרבאַנד אַפנ יאָר 1935, האָט באַהאַנדלט אונ באַשטעטיקט דעמ פאָלקווירטשאַפטלעכנ פּלאַנ אַפנ יאָר 1936.

דאָס יאָר 1935 איז געווענ א יאָר פונ מערקווירדיקע דערגרייכונגענ פונ אונדזער גרויסנ אונ מעכטיקנ לאַנד, א יאָר פונ באַהערשנ די נײַע טעכניק פונ דער אינדוסטריע, לאַנדווירטשאַפט, טראַנספּאָרט, א יאָר פונ א באַדײַטנדיקנ וווּקס פונעמ וווילשטאַנד פונ די אַרבעטערשע אונ קאָלווירטישע מאַסנ, א יאָר פונ קולטורעלנ אויפשטײַג.

די פילמיליאָניקע מאַסנ אינ אונדזער לאַנד זאָגנ מיט כאַווער סטאַלינס מויל, אַז „לעבנ איז געוואָרנ בעסער, כאַוויירימ. לעבנ איז געוואָרנ פריילעכער“.

די דערפאָלגנ פונ דער סאָציאַליסטישער בויונג האָבנ אַרומגעכאַפּט אַלע, אָנ אויסנאַם, נאַציאָנאַלע געגנטנ אונ רעפּובליקנ פונעמ פאַרבאַנד אונ דערונטער, פאַרשטייט זיכ, אויכ די סאַמע יונגסטע פונ זיי — די ײִדישע אויטאָנאָמע געגנט, וואָס גייט אַרײַנ אינ באַשטאַנד פונעמ ווײַטמיזרעכדיקנ קאַנט. דאָס איז א בוילעטסטער באַווײַז פונעמ טריומפ פונ דער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק, פונ דער פּאָליטיק פונ פעלקער-פרײַנטשאַפט אונ ברידערלעכקייט, וועגנ וועלכע כאַווער סטאַלינ האָט ניט לאַנג

גערעדט אפ דער באראטונג פונ די פאָרגעשריטענע קאָלווירטניקעס אונ קאָלווירטניצעס פונ טאדזשיקיסטאנ אונ טורקמעניסטאנ. כאווער סטא- לינ האָט אפ דער דאָזיקער באראטונג געזאָגט:

„אָבער עס איז פאראנ, כאווערימ, איינ זאכ, א מער ווערט- פולע, ווי בוימוואָל — דאָס איז די פריינטשאפט פונ די פעלקער פונ אונדזער לאנד. די דאָזיקע באראטונג, אייערע רעדעס, אייערע מאטנ רייד זאָגנ וועגנ דעמ, אז די פריינטשאפט צווישנ די פעלקער פונ אונדזער גרויסנ לאנד פעסטיקט זיכ. דאָס איז זייער וויכטיק אונ באדייט- פול, כאווערימ. אינ דער אלטער צייט, ווענ בא דער מאכט בא אונדז אינ לאנד זיינענ געשטאנענ דער צאר, די קאפיטאליסטנ, די פריצימ, איז די פאָליטיק פונ דער רעגירונג באשטאנענ אינ מאכנ איינ פאָלק—דאָס רוסישע פאָלק—פאר א הערשנדיקס אונ אלע אנדערע פעלקער — פאר אונטערגעוואָרפענע, אונטערדריקטע. דאָס איז געווענ א בעסטיאלישע, וועלפישע פאָליטיק“.

די בויונג פונ דער יידישער אווטאָנאָמער געגנט וויקלט זיכ פאנאנ- דער דערפאָלגרייכ, ווי מיר וועלנ זענ ווייטער, אפנ גרונט פונ דער קאָ- לאָסאלער הילפ מיצאד דער פארבאנדישער רעגירונג. די דאָזיקע בויונג איז אויכ א בוילעטסטער באווייז „פונ דער פאקטישער (אונ ניט נאָר רעכטלעכער) אויסגלייכונג פונ די נאציאָנאליטעטנ ווי איינע פונ די באדינגונגענ פונ איינשטעלנ א ברידערלעכע מיטארבעט צווישנ די ארבעטנדיקע מאסנ פונ פארשיידענע נאציאָנאליטעטנ“ (סטאלינ).

די „בעסטיאלישע, וועלפישע פאָליטיק“ בענויגע די יידנ איז ניט גאָר ניט געוואָרנ א מיטע פונ אמאָל, נאָר זי איז איצט די צענטראלע פראגע, מיט וועלכער דאָס פאשיסטישע דייטשלאנד האָט זיכ באשעפטיקט אפ דעמ ניט לאנג צוריק פארגעקומענעמ ניורנבערגער צוזאמענפאר. אינ דער אָנוועזנהייט פונ הונדערטער טויזנטער פארזאמלטע איז דאָרט ניט נאָר באהאנדלט, נאָר אויכ באשטעטיקט געוואָרנ דער געזעצ, וואָס בא- רעכטיקט די אויסנאמ-לאגע פאר יידנ — דער געזעצ, וואָס סאנקצי- אָנירט דעמ עקאָנאָמישנ אונ פאָליטישנ טעראָר קעגנ זיי.

ניט בעסער האלט עס אויכ אינ אנדערע לענדער — אינ פוילנ, רו- מעניע, ליטע. אויב אינ די דאָזיקע לענדער זעענ מיר ניט אזא אומפאר-

שטענדיקע ייִדישע פֿאַרפֿאָלגונגען פֿונ דער רעכטלאָזיקייט פֿונ די ייִדנ,
אינ פֿאַקטישע רעכטלאָזיקייט עקזיסטירט דאָרט.

אינ א סיטואַציע פֿונ ברידערלעכקייט אונ הילפֿ וואַקסט אונ אַנט-
וויקלט זיכ די ייִדישע אויטאָנאָמע געגנט בא אונדז אינ סססר, אינ
באַשטאַנד פֿונ ווײַטמיזרעכדיקנ קאַנט. אינ א סיטואַציע פֿונ א בעסטיאַ-
לישער, וועלפֿישער פּאָליטיק ווערט געליזט די אַזוי גערופֿענע ייִדנ-
פֿראַגע אינ אַנדערע לענדער.

☆

די ייִדישע אויטאָנאָמע געגנט אינעם באַשטאַנד פֿונ ווײַטמיזרעכדיקנ
קאַנט איז אַן אָרגאַנישער טייל פֿונ קאַנט. די בויונג פֿונעם דאָזיקנ
קאַנט, וועלכער איז פֿולשטענדיק איבערגעגעבנ פֿאַרנ סאָוועטישנ
פֿעריאָד, האָבנדיק שטענדיק אינ אויג די זאָרגעוודיקע שטיצע פֿונ
דער גאַנצער פּאַרטיי, פֿונעם גאַנצנ לאַנד, פֿאַרוואַנדלט אים אינ אַנ
אומצוטרעטלעכער פֿעסטונג פֿונ סאָציאַליזם אויפֿנ מיזרעכ. איכ וועל
ברענגענ די ציפֿערנ, וואָס זײַנענ פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרנ אינ דער
„טיכאָאָקעאַנסקאַיאַ זוועזדאַ“ אינ די אַרטיקלענ פֿונעם פֿאָרזיצער פֿו-
נעם קאַנטישנ אויספֿירקאָם ב' קרוטאָוו אונ פֿונעם פֿאָרזיצער
פֿונעם קאַנטישנ מיליטער-פּלאַנ ב' ריבמאַנ, ציפֿערנ, וואָס צייגנ
בולעט די דערפֿאָלגנ פֿונ דער סאָציאַליסטישער בויונג פֿונ דעם דאָזיקנ
ביז דער רעוואָלוציע ווילדנ קאַנט, ווו עס האָט געבאַלעבאַטעוועט
דער רויבערישער קאַפּיטאַל, וואָס האָט באַגרינדעט זײַנ ווילקער אויפֿ
רויבערישער עקספּלואַטאַציע פֿונ די נאַטור-רײַכטימער אונ אויפֿ בעסטיאַ-
לישער עקספּלואַטאַציע פֿונ די צאָפֿנ-פֿעלקער, וועלכע האָט געפֿירט די
דאָזיקע פֿעלקער צו אויסשטאַרבונג.

„די פֿאָלקווירטשאַפֿט פֿונעם קאַנט האָט פֿאַר דרײַ יאָר באַקומענ 3
מיליאַרד רובל. די סומע קאַפּיטאַלע אינוועסטיציעס איז געוואַקסנ מיט
יעדנ יאָר. אויב אינ 1933 יאָר איז אַרײַנגעלייגט געוואָרנ 445 מיליאָנ
רובל, אינ 1934 יאָר — 1 מיליאַרד מיט 39 מיליאָנ רובל, איז אינ
1935 יאָר דערוואַרט מענ א גרייס פֿונ קאַפּיטאַלע אינוועסטיציעס אינ
1400 מיליאָנ רובל“ (פֿונ ב' ריבמאַנס אַרטיקל).

„עס איז אַרײַנ אינ עקספּלואַטאַציע א גאַנצע ריי אונטערנעמונגענ—

3 אינדוסטריעלע עלעקטרישע סטאַנציעס אונ 1 גרויסע קאָמונאַלע סטאַנציע, 9 גרויסע שטיינקוילנ־שאַכטעס אונ שטאָלגעס, א זאַוואָד פונ נאַפט־איבעראַרבעטונג, א זאַוואָד פונ אוויאָרעמאָנט, א זאַוואָד פונ אווטאָרעמאָנט אונ א שיפבוי־זאַוואָד, דער ספּאַסקער צעמענט־זאַוואָד, א גרויסער געהילצ־זאַוואָד אפ אוסורי, דריי מעכאַניזירטע וועגנ פאַר געהילצ־פירונג, דער וולאַדיוואָסטאָקער קעלטער, אנ אייל־עקסטראַקט־זאַוואָד, א צוקער־זאַוואָד אונ א זאַלצ־זאַוואָד, 5 זאַוואָדנ פונ פיש־קאָנסערוונ, 6 גרויסע פיש־געווערבנ, 2 מעכטיקע מילכ־קאָמבינאַטנ, א טייל צווייטע קאָליִעס פונ דער אוסורייער אײַזנבאַנ אינ עטלעכע באַצירקנ פונ נײַע אײַזנבאַנ־ליניעס, הונדערטער קילאָמעטער נײַע אַווטאָמאָבילע וועגנ (דערונטער אויכ דער וועג ביראָבידזשאַנ—נאָוואָיע, וואָס פאַראייניקט ביראָבידזשאַנ מיטנ אַמור), * עטלעכע נײַע ציווילע אוויאַליניעס אאַז.״ (כ׳ קרוטאָווס אַרטיקל אינ דער „טיכאָאָקעאַנסקאַיאַ זוועזדאַ״ פונעמ 11 דעקאַבער 1935).

„איצט האָט דער קאַנט אייגענע צעמענט, אנ אייגענע וואַקסנדיקע מאַשינבויונג, אייגענע נאַפט אונ קוילנ, זײַנ אייגענע מעכטיקע פיש־אונ שפּײַז־אינדוסטריע״.

„עס איז שוינ אויסגעוואַקסנ אינ א גרויסנ אינדוסטריעלנ צענטער די שטאָט קאָמסאָמאָלסק... דער צענטער פונ דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט — ביראָבידזשאַנ — וואַקסט אויס אינ א קינפטיקנ צענטער פונ דער לײַכטער אינדוסטריע פונעמ ווײַטמיזרעכדיקנ קאַנט מיט אַזעלכע אינדוסטריע־צווײַגנ, ווי געהילצ־באַאַרבעטונג אונ וועגנער־בויונג, ניי־אינדוסטריע, שוכ־אינדוסטריע אונ א ריי גרויסע קוסטאַר־פּראָדוקציעס״ (כ׳ רײַכמאַנס אַרטיקל אינ דער „טיכאָאָקעאַנסקאַיאַ זוועזדאַ״ פונעמ 7 נאָיאַבער 1935).

„עס איז באַדײַטנדיק אויסגעוואַקסנ אינעמ קאַנט אויכ די לאַנדווירטשאַפט. דער ספּעציפישער געוויכט פונעמ פאַרגעזעלשאַפטלעכטנ סעקטאָר פאַרנעמט אינעמ לויפנדיקנ יאָר 94 פּראָצענט, די צאָל מטס איז אויסגעוואַקסנ פונ 3 אינ 1930 יאָר אונ 55 אינ 1933 יאָר — ביז 72 אינ 1935 יאָר. דער טראַקטאָר־פּאַרק פונ די מטס אינ די ראַטווירטנ

* די ווערטער אינ די קלאַמערנ זײַנענ גענומענ פונ כ׳ רײַכמאַנס אַרטיקל.

דערגרייכט 173 טויזנט פערדקראפט, אַנשטאָט 100 טויזנט אינ 1932 יאָר. בא דער פארגרעסערונג פונעמ פארזיי-שעטעכ פונ קערנער-קול-טורנ בלויז אפ 15 פּראָצענט האָט זיכ דער אָפּנעמ פונ קערנער-קול-טורנ פארגרעסערט אינ פארגלייכ מיטנ 1932 יאָר אינצווייענ (3 546 טויזנט צענטנער אינ 1932 י. ביז 7000 טויזנט צענטנער אינ 1935 י.)."

די דערפאָלגנ פונ דער סאָציאַליסטישער בויונג פונעמ ווייטמיזרעכ-דיקנ קאנט, וו בא צוויי מיליאָנ אלגעמיינער באפעלקערונג זיינענ פא-ראנ איבער 80 שוואָטימ אונ פעלקערשאפטנ, זיינענ צוזאמענ דערמיט א גאָר גרויסער זיג פונ אונדזער נאציאָנאלער פאָליטיק. „אינעמ קאנט זיינענ פאראנ צוויי קאָרייִשע טעכניקומענ, א קאָרייִשע סאָוּפּארטשול, א מוזעווישער אונ קאָרייִשער טעאטער, א כינעזישע לערנ-שול, א גאנצע ריי שולנ מיטנ אונטעריכט אפ דער מוטער-שפּראכ, אונ די קינדער פונ די צאָפנ-פעלקערשאפטנ זיינענ ארומגענומענ אינ דער שול אינ דורכ-שניט אפ 70 פּראָצענט."

אָט אזוי לעבט, וואקסט אונ פעסטיקט זיכ דער ווייטער מיזרעכ.

איכ גיי איבער צו דער בויונג פונ דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט. זי ליגט אינ סאמע צענטער פונעמ ווייטמיזרעכדיקנ קאנט. אפ א שטרעקע פונ 600 קילאָמעטער גרענעצט זי זיכ אפנ אמור מיט מאנ-דזשאָו-גאָ. עס איז דעריבער נאטירלעכ, אז די יידישע אויטאָנאָמע געגנט האָט אינ איר אנטוויקלונג אָפּגעשפּיגלט די טעמפּנ אונ דעמ גאנג פונ דער בויונג פונעמ גאנצנ ווייטמיזרעכדיקנ קאנט. אינ דער פארגאנ-גענהייט האָט זי אפילע פאָרגעשטעלט א ראיאָנ, וואָס איז געווענ עקאָ-נאָמיש ווייניקער באהערשט, ווי די שכיינעסדיקע יאמבערגיקע, די אמו-רער אונ אפילע די אייזנבאנישע ראיאָנענ. קעדיי ניט אָפּצושטיינ, האָט זי געמוזט אָננעמענ נאָכ גרעסערע טעמפּנ, ווי די שכיינעסדיקע ראיאָנענ.

אויסער די אלגעמיינע סיבעס, וואָס האָבנ באדינגט די פארשטאר-קונג פונ די בויונג-טעמפּנ פונעמ גאנצנ ווייטמיזרעכדיקנ קאנט אונ דערונטער פונ דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט, האָט ניט קיינ קליי-נע ראָליע געשפּילט אינ דער אנטוויקלונג פונ דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט די באשטימונג פונ דער רעגירונג פונ 1928 יאָר וועגנ ארויסטיילנ פאר דער יידישער איבערוואנדערונג דעמ בירעבידזשאנער ראיאָנ, אינעמ באשטאנד פונעמ ווייטמיזרעכדיקנ קאנט, אלס א יידישנ ראיאָנ. די

דאָזיקע באַשטימונג האָט געדינט פאַר א שטויס צו א נאָך מער אינטענסיווער באַהערשונג. אלס א ווײַטערדיקער מעכטיקער שטויס צו באַהערשנ די געגנט האָט געדינט דער אקט פונעמ 7 מײַ 1934 אונ די באַשטימונג פונ דער רעגירונג פונעמ ערשטנ אָקטיאַבער 1934. הײַנט האָבנ מיר דאָס רעכט צו זאָגנ, אז די ייִדישע אויטאָנאָמע געגנט האָט אָנגענומענ די אנטוויקלונג-טעמפּנ, וואָס אנטשפּרעכנ די אנטוויקלונג-טעמפּנ פונעמ קאַנט, אונ זי האָט זיכ געשטעלט אינ די רייענ פונ זײַנע אינדוסטריעלע ראַיאָנענ.

פונ 1928 יאָר, פונעמ מאָמענט, זינט עס האָט זיכ אָנגעהויבנ די איבערוואַנדערונג אינ דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט, איז די באַפעלקערונג אויסגעוואַקסנ קימאַט אינצווייענ: פונ 33,3 טויזנט ביז 60 טויזנט. די דאָזיקע פאַרגרעסערונג פונ דער באַפעלקערונג איז פאָרגעקומענ אפנ כעזשבנ פונ דער נאַטירלעכער פאַרגרעסערונג פונ דער באַפעלקערונג (בערעכנ 9—10 טויזנט מענטשנ) אונ אפנ כעזשבנ פונ דער איבערוואַנדערונג, וואָס באַ 75 פּראָצ. פונ איר האָבנ אויסגעמאַכט די ייִדישע איבערוואַנדערער.

די געגנט האָט געגעבנ אומגעהערטע טעמפּנ פונ פאַרגרעסערנ דעמ פאַרזיי-שעטעכ: פונ 16 טויזנט הא אינ יאָר 1929 ביז 38 טויזנט אינ 1935 יאָר, אָדער א וווּקס אפ 232 פּראָצ., באַ א פאַרהעלטנישמעסיק אומבאַדײַטנדיקער פאַרגרעסערונג פונעמ פאַרזיי-שעטעכ אינעמ קאַנט אינגאַנצנ גענומענ — אפ 15 פּראָצענט. עס איז פונדאָסנײַ אויסגעבויט אונ עס וואַקסט שטורמיש דער געגנטלעכער צענטער — די שטאָט ביראָבידזשאַנ, וואָס פאַרמאָגט שוינ 13 טויזנט אײַנוווינער אַנשטאָט די 7,5 טויזנט אינ 1934 אונ די 800 מענטשנ אינ 1928 יאָר. די ייִדישע באַפעלקערונג פונ דער שטאָט באַטרעפט 55 פּראָצ., די ייִדישע באַפעלקערונג פונ דער געגנט דערגרייכט 14 טויזנט, אַנשטאָט 9 טויזנט צומ ערשטנ יאַנוואַר פונ 1935 יאָר, אונ צומ ערשטנ יאַנוואַר פונ 1936 יאָר באַטרעפט זי באַ 24 פּראָצ. פונ דער גאַנצער באַפעלקערונג פונ דער געגנט אַנשטאָט 15 פּראָצ. מיט א יאָר צוריק.

אינ דער געשיכטע פונ דער בויונג פונ דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט דאַרפנ מיר אונטערשיידנ דרײַ פּעריאָדנ:

דער ערשטער פּעריאָד — פונעמ יאָר 1928 ביזנ יאָר 1932, דאָס

און א פעריאָד פונ פארביטערטנ קאמפ פאר און קעגנ בירעבידזשאנ, א פעריאָד פונ קאמפ קעגנ „לינקע“ און רעכטע אָפּנייגלער אינ אונדזערע רייענ. קעגנ „לינקע“, וואָס האָבנ פּראָקלאמירט דעמ לאָזונג צו אָרגאַ-ניזירנ א יידישע געגנט אָדער רעפּובליק „פונ יאמ ביז יאמ“ אינ די גרענעצנ פונ א צווייטער נאציאָנאלער רעפּובליק; קעגנ רעכטע אָפּאָר-טוניסטנ — קאָאָפּגלויביקע, פאר וועלכע עס האָט עקזיסטירט ניט קיינ ענטוזיאזמ פונ מאסנ, נאָר בלויז שוועריקייטנ, ווי דער גנוס, אייביקע געפּראָגנאָזנט, די ווינטקעלטנ פונ דער געגנט אאז"ו. סיי די רעכטע סיי די „לינקע“ האָבנ זיך פאראייניקט, ווי דאָס איז ניט איינ מאָל געווענ אינ דער געשיכטע פונ אונדזער פּארטיי, — זיי זיינענ געווענ אָדער אָפנ קעגנ, אָדער זיי האָבנ סאבאָטירט בירעבידזשאנ.

אינ בירעבידזשאנ גופא האָט א גרופּע פּיאָנערנ-ענטוזיאסטנ, פונ וועלכע אייניקע געפינענ זיך דאָ אפ אונדזער פּלענומ, הארטנעקיק, ענער-גיש, בא דער אקטיווער געזעלשאפטלעכער מיטהילפ, געבויט, כאָטש אפילע אָנ אָרדענונג, סיסטעמלאָז, אָבער דאָך פארלייגט דעמ פונדאמענט אונטער דער בויונג פונ דער געגנט און דערפירט די היזיקע בויונג צו אזא צושטאנד, וואָס האָט געמאכט מעגלעך, אז אינ דעצעמבער פונ 1931 יאָר האָט די רעגירונג אָנגענומענ א באשטימונג וועגנ פארוואנדלענ בירעבידזשאנער ראיאָנ צומ סאָפ 1933 יאָר אינ אנ אויטאָנאָמע אדמי-ניסטראטיוו-טעריטאָריאלע נאציאָנאלע איינהייט. די מעגלעכע אינוועסטי-ציעס פאר דעמ היזיקנ גאנצנ פעריאָד האָבנ זיך אויסגעדריקט אינ א סומע בערעך פונ 10 מיליאָנ רובל, קימאט אויסשליסלעך אפ לאנד-ווירטשאפט, לויט דער ליניע פונ בויענ ראטווירטנ און קאָלווירטנ.

דער צווייטער פעריאָד — פונ אָנהייב 1932 יאָר ווערט כאראק-טעריזירט מיט אריבערגיינ צו א מאסנ-איבערוואנדערונג אינ אלע ווירט-שאפט-צווייגנ פונ דער געגנט, מיט פארשטארקונג פונעמ פּלאניר-פּרינציפּ, האגאמ קיינ גענוג פולנ אויסדרוק האָט ער נאָכ ניט באקומענ, און מיט א באדייטנדיקער פארשטארקונג פונ די קאפּיטאלע אינוועסטי-ציעס. דער היזיקער פעריאָד פונ דער בויונג האָט זיך פארענדיקט מיטנ דערפירנ אימ ביז א וויכטיקער העכערער פאָרמ, ד.ה. ביז דער, וואָס האָט באדייטנ די מעגלעכקייט פונ דעמ רעגירונגס-אקט פונ 7 מיי 1934 און די באשטימונג פונעמ ראטפאלקאָמ פונ רספסר פונעמ 1

אָקטיאַבער 1934, וואָס האָט אָנגעמערקט א פּראָגראַמ פאַר דער בויונג פונ דער געגנט אפ א ריי יאָרנ. דער האָזיקער פּעריאָד פאַרענדיקט זיכ מיט דער קאָנסטיטוציאָנעלער אויספאָרעמונג פונ דער געגנט אינ דעקאַ= בער 1934 אפנ I ראַטנ=צוזאַמענפאָר פונ דער געגנט.

פונ דאָזיקנ מאָמענט אָנ טרעטנ מיר ארײַנ אינעם דריטנ פּעריאָד.

דאָס אויסבילדנ די אווטאָנאָמע געגנט האָט געשאַפנ א גרויסנ איבער= בראָכ אינ איר ווירטשאַפטלעכער אונ קולטורעלער בויונג. עס האָט זיכ אײַנגעשטעלט א גרויסע פּלאַנישקײַט, עס האָט זיכ באַדײַטנדיק פאַר= שטאַרקט די קאָנקרעטע אָנפירונג, די איבערוואַנדערונג הייבט זיכ אָנ צומ ערשטנ מאָל פירנ אינ העסקעמ מיטנ גאַנג פונ דער בויונג. די אָרגאַניזירונג פונ אָנפירנדיקע געגנטלעכע אָרגאַנענ, וואָס בעראָש פונ זיי האָט די פּאַרטיי אוועקגעשטעלט מענטשנ מיט באָלשעוויסטישער פאַרהאַרטונג — האָבנ געשאַפנ א נײַעמ אַרבעטס=סטיל אינ דער געגנט, אונ איר בויונג באַקומט, ווי מיר וועלנ ווײַטער זענ, א כאַראַקטער פונ א גרויסער סאָציאַליסטישער נײַבויונג.

2

די דערפאָלגנ פונ דער ווירטשאַפטלעכער און קולטורעלער בויונג אינ 1935 יאָר

וואָס זשע איז אויפגעטאָנ אינ 1935 יאָר? איכ וועל אָנהייבנ פונ אינדוסטריעלער בויונג.

אינ העסקעמ מיט דער פראָגראַמ פונעמ 7 מײַ 1934, וואָס איז אײַנגעשטעלט געוואָרנ פונ דער רעגירונג, איז אינ 1935 יאָר צומ ערשטנ מאָל פאַנאַנדערגעוויקלט געוואָרנ די אינדוסטריעלע בויונג, דערי־קער לויט דער ליניע פונעמ פאָלקס-קאָמיסאַריאַט פונ דער אָרטיקער אינדוסטריע. ביז דעמ יאָר האָט זיכ אינ דער געגנט אַנטוויקלט הויפּט-זאַכלעכ די קוסטאַרישע אינדוסטריע.

אינ 1935 יאָר האָט זיכ געבויט די ניי-פאַבריק אינ דער שטאָט בי-רעבידזשאַנ, וואָס אפ צו באַהערשנ זי איז אויסגעגעבנ געוואָרנ 2 מיליאָנ 763 טויזנט רובל און וואָס מע רעכנט, אַז זי איז פאַרטיק אפ 30 פּראָצ.; דער לאָנדאָקאָער קאַלכ-זאַוואָד — וואָס איז פאַרטיק אפ 24 פּראָצ., אויסגעגעבנ אפ אימ 1 מיליאָנ 486 טויזנט רובל; דער וועגנער-זאַוואָד — אויסגעגעבנ אפ אימ איז 1 מיליאָנ 916 טויזנט רובל. אוי-סער דעמ איז אויסגעבויט געוואָרנ אַ ריי באַהילפיקע אונטערנעמונגענ און געבײַדעס: 3 ציגל-זאַוואָדנ, 10 צווײשטאָקיקע וווינונג-הײַזער. לויט דער ליניע פונ דער געווערב-קאָאָפעראַציע איז קימאַט פאַרענדיקט

(פארטיק אפ 85 פראָצ.) די בויונג פונעם פאנער־זאוואָד, אונ ער געפינט זיכ אינ פראָצעס פונ מאָנטאַזש; עס איז ראַדיקאַל רעקאָנסטרויִרט די פאבריק „רעטאַל“, עס איז אָרגאַניזירט א נײַע מעבל־פאבריק „איקאָר“. לויט די איבעריקע אָביעקטנ — די שוכ־אונ טריקאָטאַזש־פאבריקנ, ציגל־זאוואָדנ, דרוקערײַ, רעמאָנט־מעכאַנישער זאוואָד — ווערנ דורכגעפירט פראָיעקט־ארבעטנ.

ארומ אונ ארומ איז אפ דער אינדוסטריעלער בויונג אויסגעגעבנ געוואָרנ לויטנ פאָלקס־קאָמיסאַריאַט פונ דער אָרטיקער אינדוסטריע 7 מיליאָנ מיט 550 טויזנט רובל אונ 1 מיליאָנ מיט 130 טויזנט רובל לויט דער ליניע פונ דער קוסטאַר־אינדוסטריע, ניט רעכנענדיק די קימאַט 3 מיליאָנ רובל אפ וווינונג־בויונג אונ אפ קולטור־שטייגערישער בויונג פאר דער געווערב־קאָאָפעראַציע.

די איקערדיקע אינדוסטריעלע בויונג איז קאָנצענטרירט אינ דער שטאָט בירעביזשאַנ. די דאָזיקע שטאָט ווערט דעריבער פארוואַנדלט אינ דעמ גרונט־צענטער פונ דער לײַכטער אינדוסטריע, וואָס שאפט זיכ אפנ ווײַטנ מיזרעכ.

אינדוסטריעלע פראָדוקציע פונ דער אָרטיקער אינדוסטריע איז ארויסגעלאָזט געוואָרנ אפ 1 מיליאָנ מיט 800 טויזנט רובל. דאָס באַציט זיכ דער איקער צו דער גײ־פאבריק, וואָס האָט ארויסגעלאָזט פראָדוקציע אפ 1 מיליאָנ מיט 260 טויזנט רובל אונ וואָס האָט אויסגעפילט דעמ פלאַנ אפ 107 פראָצ.

א באַדײַטנדיקנ וווּקס פונ פראָדוקציע האָט פארנ פארגאַנגענעמ יאָר געגעבנ די געווערב־קאָאָפעראַציע. זי האָט אינ 1935 יאָר אויסגעארבעט אפ 12 מיליאָנ רובל פראָדוקציע, אפ 5,4 מיליאָנ רובל מער, ווי אינ 1934 יאָר. די פילפאַכיקע געווערב־קאָאָפעראַציע האָט ארויסגעלאָזט פראָדוקציע אפ 6,5 מיליאָנ רובל אונ האָט אויסגעפילט דעמ יאָר־פלאַנ אפ 93 פראָצ. די פילפאַכיקע געווערב־קאָאָפעראַציע האָט אָרגאַניזירט 9 נײַע ארטעלנ, עס זײַנענ באַהערשט געוואָרנ נײַע צווײַגנ, מע איז צוגעטראָטנ צומ ארויסבאַקומענ מאַרמאָר. דער וואַלדבעמישער געווערב־פארבאַנד האָט אויסגעפילט דעמ יאָר־פלאַנ אפ 104,3 פראָצ., פראָדוקציע איז ארויסגעלאָזט געוואָרנ אפ 5,4 מיליאָנ רובל.

מיר וועלנ פארצײַכענענ פאָלגנדיקע פאָרגעשריטענע ארטעלנ:

דער אַרטעל „דימיטראָװ“ (מעבל־פאַבריק) האָט אויסגעפילט דעם פּלאַנ אַפ 100 פּראָצ., דער אַרטעל „צװייטער פּינפיאָר“ — אַפ 139 פּראָצ., דער אַרטעל „סמאָלע־טרייבער“ — אַפ 103 פּראָצ. דער פערטער קװאַרטאַל האָט געגעבנ א ריי מוסטערנ פונ סטאַכאַנאָװישער אַרבעט, װאָס האָט אַרומגעכאַפּט גאַנצע אַרטעלנ.

אינ דעקאַבער זײַנענ די פּלענער פונ דער גאַנצער סיסטעם פונ דער פּילפּאַכיקער געװערב־קאָאָפּעראַציע אויסגעפילט געװאָרנ אַפ 137 פּראָצ.

אינ דער סיסטעם פונ דער געװערב־קאָאָפּעראַציע צייכענענ זיכ אויס די סטאַכאַנאָװצעס — שאַטילאָ אונ ליאַמעצ אינעם אַרטעל „די ראָד פונ דער רעװאָלוציע“, סװאָראָװ פונעם אַרטעל „קיר־פּיטשיקי“, קאַפּמאַנ, פערעדניקאָװ פונ דער מעבל־פאַבריק „דימיטראָװ“, שפּיגל פונעם אַרטעל „סמאָלע־טרייבער“, באָריסענקאָ פונ דער בוי־קאָנטאָר. נאָר װעגנ די סטאַכאַנאָװצעס מער אויספירלעכ שפּעטער.

דעמ װוקס פונ דער אינדוסטריע, װאָס אַנטװיקלט זיכ, דעריקער, אינ דער שטאָט בירעבידזשאַנ, האָט אַנטשפּראָכנ אויכ דער װוקס פונ דער קאָמונאַלער אונ דער װױנונג־בױונג. צו די 74 טויזנט קובאָמעטער װױנונג־שעטעכ, װאָס איז געװענ אינ דער שטאָט בירעבידזשאַנ צומ מאָמענט, װענ די געגנט האָט זיכ געהאַט אָרגאַניזירט, זײַנענ אויסגעבויט געװאָרנ אונ עס זײַנענ אַרײַנ אינ עקספּלואַטאַציע 47 גרויסע קאָמונאַלע װױנונג־געביידעס, 115 אינדיװידועלע הײַזער, מיט אַנ אַלגעמיינער קובאַטור פונ 144 טויזנט קובאָמעטער. דער װױנונג־פאָנד פונ דער שטאָט בירעבידזשאַנ שטײַגט צומ 1 יאַנואַר 1936 אינ דרײַטהאַלבנ מאָל אַריבער דעמ װױנונג־פאָנד צומ 1 יאַנואַר פונ 1934 יאָר אונ אינ פיר מאָל דעמ װױנונג־פאָנד צומ 1 יאַנואַר פונ 1933 יאָר. אינ 1935 יאָר איז אויסגעבויט געװאָרנ א באָד־אונ װעשערײַ־קאָמבינאַט, עס האַלט זיכ אינ בויענ א קלאַנגענ־קינאָ. באַזונדער דאַרפ מענ פאַרצייכענענ די אויסבויונג פונעם װאָקזאַל אינ דער שטאָט בירעבידזשאַנ, װאָס איז דער בעסטער אינעם קאַנט לויט דער אַרכיטעקטורישער אויספירונג, מיט באַזונדערע צימערנ פאַר פּאַסאַזשירנ, מיט א רעסטאָראַנ, מיט א צימער פאַר מוטער אונ קינד אונ דאָס גלײַכנ. די בויונג פונ

דער שטאָט, וואָס ציילט 13—14 טויזנט איינוווינער, ווערט געפירט לויט א פּלאַנ מיט א פּערספּעקטיוו פונ דער ווייטערדיקער פאַנאַנדערוויקלונג פונ דער שטאָט. עס האָט זיכ באַדייטנדיק פאַרבעסערט די וווילאיינאָרדענונג פונ דער שטאָט (טראָטואַרנ, גרינ-פאַרפלאַנצונגענ, דורכלייגונג פונ גאַסנ און זייער ברוקירונג אאַוו.).

דאָס פאַרגאַנגענע יאָר איז כאַראַקטעריסטיש מיטנ וווּקס פונ דער קולטור-בויונג אינ דער געגנט. די שול-נעץ איז אויסגעוואַקסנ פונ 83 ביז 101 שולנ, די צאָל לערער האָט זיכ פאַרגרעסערט פונ 300 ביז 350, די צאָל שילער פונ 10 טויזנט ביז 12,5 טויזנט. עס איז אינ דעמ יאָר אויסגעבויט געוואָרנ א 3-שטאָקיקע געמויערטע געביידע פאַר דער 10-יאָריקער שול אינ דער שטאָט ביראָבידזשאַנ, א פּעדטעכניקומ, שולנ אינ ס מ י ד אָ ו ו י ט ש און ב א ב ס ט ו ו אָ. צוגאָבלעכ צו די עקזיסטירנדיקע לערער-אַנשטאַלטנ, צומ פּעדטעכניקומ און צומ טעכניקומ פאַר מעכאַניזאַציע פונ דער לאַנדווירטשאַפט איז דעמ 1 אָקטיאַבער פונ 1935 יאָר געעפנט געוואָרנ א געגנטלעכע מאָופּאַרטשול מיט א יידישער און רוסישער אָפּטיילונג. דעמ 1 יאַנוואַר 1936 האָט אָנגעהויבנ אַרבעטנ דער מעדיצינישער טעכניקומ, און אינ די נאָענטסטע כאָדאָשימ וועט אָנהויבנ אַרבעטנ דער באַרג-מעטאַלורגישער טעכניקומ. סימפּטאָמאַטיש איז די שטרעבונג פונ די פּאָרשטייער פונ דער יידישער ליטעראַרישער וועלט אַריבערצופאָרנ אינ דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט. עס קומט זיכ באַזעצנ אפ שטענדיק דער באַוווּסטער שרייבער ב ע ר ג ע ל ס אָ נ, עס האָט אַרויסגעזאָגט דעמ פאַרלאַנג אַריבערצופאָרנ אינ דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט דער שרייבער ג אָ ד י נ ע ר, עס איז פאַרבליבנ אפ שטענדיקער אַרבעט אינ דער געגנט דער באַוווּסטער יידישער קאָמפּאָזיטאָר מ י ל נ ע ר, דער רעזשיסאָר א י י ז נ ב ע ר ג.

מיט דער מיטהילפ פונעמ מאָסקווער געזערד איז אויסגעוואַקסנ און האָט זיכ פאַרפעסטיקט דער געגנטלעכער מעלוכישער טעאַטער.

אויסער די צוויי געגנטלעכע צייטונגענ האָבנ אינ 1935 יאָר אָנגעהויבנ דערשיינענ 4 ראַיאָנע צייטונגענ, אייג צייטונג אפנ טראַנספּאָרט און איינע אינ ראַטווירט. עס וועט אָנהייבנ דערשיינענ א דרייכאָדאָשימדיקער געזעלשאַפטלעכ-פּאָליטישער און ליטעראַריש-קינסטלערישער זשורנאַל „פ אָ ר פ אָ ס ט“.

די טעמפּנ פונ דער קולטור־בויונג אינ דער געגנט איז צו זענ פו־ נעמ שנעל־וואקסנדיקנ בודזשעט פאר פאָלקס־בילדונג, וואָס איז אויסגע־ וואקסנ פונ 1,2 מיליאָנ רובל אינ 1933 יאָר ביז 2,4 מיליאָנ רובל אינ 1934 יאָר און ביז 5,2 מיליאָנ רובל אינ 1935 יאָר.

אלס א באזונדערנ פארדינסט דארפ מענ פארצייכענענ די ארבעט פונ די געגנטלעכע אָרגאניזאציעס אײנצוגלידערנ די ייִדישע שפּראכ, „ביז גאָר וויכטיקע פּראָצעסנ קומענ דאָ פאָר — זאָגט דער סעקרעטאר פונעמ געגנטקאָמ אלקפ(ב) כ' באוווקינ — אינ זינ פונ אנטוויקלענ די ייִדישע שפּראכ אונ קולטור. מיר האָבנ אריבערגעפירט אפ דער ייִדישער שפּראכ די ארבעט פונעמ בירעבידזשאנער שטאָטראט, עס גייענ אריבער אויכ ארבעטנ אפ ייִדיש אלע ייִדישע דאָרפראטנ, די איבערוואנדערישע קאָלווירטנ, די קוסטאר־געווערבישע קאָאָפּעראציע. אינ דער ייִדישער געגנט ווערט געשאפנ א סאָוועטישע מעלוכישע ייִדישע שפּראכ, וואָס כאפּט ארומ אלע געביטנ פונ מעלוכישער, ווירטשאפטלעכער אונ קול־ טורישער בויונג".

אָט וויפל ס'איז אויפגעטאָנ געוואָרנ אינ געביט פונ בילדונג.

מיט באדייטנדער לאנגזאמערע טעמפּנ אנטוויקלט זיכ די מעדיצינישע באדינונג. די צאָל בעטלעכ האָט זיכ פארגרעסערט פונ 214 אינ 1934 יאָר ביז 261 אינ 1935 יאָר. דער פעלדשער־פערסאָנאל האָט זיכ פארגרעסערט פונ 35 ביז 60 מאנ. אינ 1935 יאָר האָט זיכ אָרגאני־ זירט א קינדער־קאָנסולטאציע אונ מע איז צוגעטראָטנ צו בויענ א שפּיטאָל.

איכ גיי אריבער צו דער לאנדווירטשאפט. דער פארזיי־שעטעכ פונ דער געגנט האָט אינ 1935 יאָר דערגרייכט 38 טויזנט העקטאר — ער האָט זיכ פארגרעסערט אפ 5 טויזנט אינ פארגלייכ מיטנ יאָר 1934. די צאָל איבערוואנדערישע קאָלווירטנ איז פארגרעסערט געוואָרנ ביז 15, דערונטער זיינענ אינ 1935 יאָר אָרגאניזירט געוואָרנ 3 נייע קאָלווירטנ; זייער פארזיי־שעטעכ האָט זיכ פארגרעסערט ביז 6 245 העקטאר (אפ 1 264 העקטאר מער, ווי אינ יאָר 1934). דער ספּעציפישער געוויכט פונ די איבערוואנדערישע קאָלווירטנ אינ דעמ אלגעמיינעמ פארזיי־שע־ טעכ פונעמ קאָלווירטישנ סעקטער מאכט אויס 27 פּראָצענט.

אינ דער געגנט זיינענ פאראנ 5 מטס, וואָס צוויי פונ זיי זיינענ אָר־

גאַניזירט געוואָרנ אינ 1935 יאָר. טראַקטאָרנ זיינענ אינ די דאָזיקע מטס געווענ אינ 1934 יאָר 73, איצט — 123, קאָמבײַנענ זיינענ געווענ 4, איצט — 29, אויטאָמאָבילנ זיינענ געווענ 22, איצט — 36. די לעצטע צוויי יאָר זיינענ אויסגעטריקנט געוואָרנ 12 700 העקטאַר זומפּ-ערד, עס איז אויסגעקאָרטשעוועט געוואָרנ 656 העקטאַר, עס איז אויפגעאַקערט געוואָרנ רויערד אינ די קאָלווירטנ 5862 העקטאַר.

א טאָג אַרבעט אינ די קאָלווירטנ באַטרעפט 4—5 קילאָגראַמ, אינ באַזונדערע קאָלווירטנ דערגרייכט ער ביז 8 אונ אַפילע ביז 10 קילאָגראַמ.

דאָס יאָר 1935 איז אַנ איבערבראָכ-יאָר אינ געביט פונ אַנטוויקלענ פיצוכט.

די צאָל רינדער האָט זיכ פאַרנ יאָר פאַרגרעסערט אויפ 25 פראָצ., די צאָל כאַזייריִמ — אויפ 33 פראָצ. אונ די צאָל פערד — אויפ 6 פראָצ.

אינ דער גאַנצ איז אויסגעפילט געוואָרנ אויכ דער פּלאַנ פונ היי-שניט, אונ דאָס פי האָט אויפ ווינטער געהאַט א גענוג זאַפּאַס גראָבע פיטער אויפנ גאַנצנ פעריאָד פונ שטיינ אינ שטאַל.

עס פאַרדינט אויפמערקזאַמקייט די אַרבעט, וואָס דער געגנטלעכער פאַרבינדונג-אָפּטייל האָט דורכגעפירט אינ 1935 יאָר. די נעצ פאַרבינדונג-אונטערנעמונגענ איז פאַרגרעסערט געוואָרנ אויפ 4 איינסנ. די טעלעפאָנ-ליניע איז פאַרגרעסערט געוואָרנ אויפ 45 קילאָמעטער. עס זיינענ דורכגעפירט געוואָרנ דראָטנ אויפ 371 קילאָמעטער. אַלע מטס, ראַט-ווירטנ אונ א ריי דאָרפראַטנ זיינענ אײַנגעשלאָסנ אינ דער טעלעפאָנ-נעצ. נײַע שטאָטישע טעלעפאָנ-סטאַנציעס זיינענ אויסגעבויט אינ די ראַיאָנ צענטערנ — אינ ב י ר ע, ס מ י ד אָ ווי ט ש, אַ מ ו ר ז ע ט, ב ל י ו כ ע ר אָ וו אָ אונ וו אָ ל אָ ט ש אַ י ע וו ק ע. דער טראַנספּאָרט אויפ איבערפירנ פּאָסט האָט זיכ פאַרגרעסערט אויפ 7 איינסנ. עס איז אויסגעבויט א גרויסע גאַרקיכ אונ א וווינונג-הויז מיט א קובאַטור פונ 2 טויזנט קובאָמעטער פאַר די פאַרבינדונגס-טוער, א גאַראַזש אויפ 10 אויטאָמאָבילנ. עס בויט זיכ א נײַ פאַרבינדונגס-הויז אויפ 5 טויזנט קובאָמעטער, מיט דער רעכענונג, אַז עס זאָל פאַרענדיקט ווערנ אינ אַפּריל — מײַ. אינ דער טעכנישער לער זיינענ אַרײַנגעצויגנ 285 מאַנ.

דער פּלאַנ פונ אַלע מיניִמ פאַרבינדונג-ווירטשאַפט איז אויסגעפילט

געוואָרנ אפ 112 פראָצ., אָבער באַזונדערס דערפאָלגרײַכ ווערט דורכגע=פירט דער פלאַנ פונ ראַדיאָפיצירנ די געגנט, וואָס איז אויסגעפילט געוואָרנ אפ 350 פראָצ. עס זײַנענ אויסגעבויט נײַע 8 ראַדיאָ-קנופּנ מיט אַנ אַלגעמײנער צאָל פונ 1200 ראַדיאָ-פונקטנ.

אינ דעמ האָבנ א סאַכ מיטגעהאָלפנ דער גאָרקער אונ וואָראָניעזשער געגנטלעכע גאַזעטנ.

די פאַרבינדלער פונ דער געגנט צײלנ אינ זײערע רײענ א באַדײַטנ-דיקע צאָל איבערוואַנדערער, צווישנ וועלכע עס זײַנענ פאַראַנ ניט ווײ=ניק סטאַכאַנאָווצעס. אזוי, איז דער איבערוואַנדערער, דער מאָנטיאָר דו=דניק, פילט אויס סיסטעמאַטיש דעמ פלאַנ אפ 300 פראָצ., די טעלע=גראַפיסטקע קאָרנבליט — אפ 150 פראָצ., דער בריװ-טרעגער אזי=מאָוו — אפ 250 פראָצ., שאַפּיראָ — אפ 150 פראָצ., בערדיטש אפ 200 פראָצ. אאַז.

א באַדײַטנדיקע אַרבעט איז דורכגעפירט געוואָרנ אינ געביט פונעמ אײַזנבאַנישנ אונ אָנרעלסיקנ טראַנספּאָרט. אויסער דער אויסבויונג פונ=עמ וואָקזאַל אינ דער שטאָט ביראָבידזשאַנ, דאַרפ מענ דאָ פאַרצײכענענ די אַרבעט צו פאַרבעסערנ די וועג-ווירטשאַפט, צו פאַרבעסערנ די אַר=בעט פונ די דרײַ דעפּאָעס, וואָס זײַנענ פאַראַנ אינ דער געגנט, די פאַר=גרעסערונג פונעמ וווינונג-פאָנד פונ די אײַזנבאַנ-אָנגעשטעלטע.

עס איז אָפּגעגעבנ געוואָרנ אינ עקספּלואַטאַציע די אײַזנבאַנ-ליניע ביראָבידזשאַנ—בליוכעראָווע, דאָס הײסט די ליניע, וואָס פאַרבינדט די אײַזנבאַנ-זאָנע מיטנ אַמור. מע פּראָיעקטירט צו פאַר=לענגערנ איר בויונג ביז דאָרפ גאָוואַיע. עס האָט זיכ אָנגעהויבנ בויענ א שאָסײ-וועג ביראָקאַנ—קוראָרט קולדור.

וויאַזוי האָט די געגנט אויסגעפילט אינעמ יאָר 1935 אירע אויפ=געבנ אינ פאַרגרייטונגענ? די אויפגאַבע אינ ברויט-אײַנקויפ איז אויסגעפילט געוואָרנ אפ 100 פראָצ. עס איז פאַרגרייט געוואָרנ 17903 צענטנער סויע. די געגנט איז אַרויס די ערשטע אינעמ קאַנט אינ אויספילנ דעמ פלאַנ פונ מילכ-אײַנקויפ. אפ 100 פראָצ. זײַנענ אויס=געפילט געוואָרנ אויכ די איבעריקע אויפגאַבנ — דער צושטעל פונ פלײש, פוטער אונ קאַרטאָפל. אפ 92 פראָצ. איז דערװײַל אויסגעפילט געוואָרנ די פאַרגרייטונג פונ באָרטנוואַרג. דער פלאַנ פונ פאַרגרייטונג רויכ=

וואַרג איז איבערגעשטיגנ געוואָרנ (105 פּראָצ). איבער 100 פּראָצ. איז אויסגעפּילט געוואָרנ אויכ דער פינאַנסיעלער פּלאַנ פונ דער געגנט, דערביי איז לויט באַזונדערע אָפּטיילנ צוזאַמענגעזאַמלט געוואָרנ:

לויט מאַסנ-צאָלונגענ — — 2 061 טויזנט רוב.

לויט מעליכע-האַכנאָסעס — 20 805 „ „

לויט פּריוואַטיקע צאָלונגענ — 3 425 „ „

לויט געהילצ-פּאַרגרייטונגענ האָט דער פּלאַנ אויפנ יאָר 1934—1935 באַטראָפנ 75 טויזנט קובאָמעטער. אויסגעפּילט געוואָרנ איז ער אויפ 95 פּראָצ. דער פּלאַנ פונ דער האָריקער קאָמפּאַניע צו פּאַרגרייטנ געהילצ איז אינ פּאַרבינדונג מיט דער באַדייטנדיקער פּאַרגרעסערונג פונ דער בויונג, וואָס ווערט פּראָיעקטירט אינ 1936 יאָר, פּאַרגרעסערט געוואָרנ ביז 200 טויזנט קובאָמעטער און אויפנ 1 יאַנוואַר איז ער אויסגעפּילט געוואָרנ אינ האַקנ וואַלד בלויז אינ א סכום פונ 48 טויזנט קובאָמעטער, אָדער בא 25 פּראָצ. פונעם פּלאַנ. דער דאָזיקער באַצירק, וואָס איז גאָר וויכטיק פאַר דער בויונג, שטייט דערווייל שטאַרק אָפּ, נאָר מע דאַרפ האָפנ, אז די געגנט וועט אָננעמענ אַנטשיידענע מיטלענ צו זיכערנ די פולע אויספּילונג פונעם פּלאַנ פונ וואַלד-פּאַרגרייטונגענ.

עס איז פולקומ נאַטירלעכ, אז די באַדייטנדיקע פּאַנאַנדערוויקלונג פונ דער בויונג פונ 1935 אינ פאַרגלייכ מיטנ 1934 יאָר און א גאַנצע ריי אַנדערע פאַקטאָרנ, ווי די אָפּשאַפונג פונ די ברויט-קאַרטלעכ, האָבנ שטאַרק געווירקט צו פּאַרגרעסערנ דעמ סכוירע-אומזאַצ פונ דער געגנט. דער סכוירע-אומזאַצ האָט אינעמ פאַרגאַנגענעמ יאָר אויסגעמאַכט 73 מיליאָנ רובל, אַנשטאָט 18 מיליאָנ רובל אינעמ יאָר 1934. דער יאָר-פּלאַנ איז אויסגעפּילט געוואָרנ אויפ 110 פּראָצ. אַנשטאָט די 85 האַנדלס-פּונקטנ אינעמ יאָר 1934 זיינענ איצט פּאַראַנ 151 פּונקטנ. אינ יאָר 1935 האָבנ זיכ געעפנט א גאַסטראָנאָמ-מאַגאַזינ מיט א כוידעשלעכנ אומזאַצ פונ 750 טויזנט רובל, אוניווערמאַגנ אינ ביראָ-בידזשאַן און אינ בליוכעראָווע. אינ דורכשניט האָט דער סכוירע-אומזאַצ אויפ 1 מענטשנ אינ 1934 יאָר באַטראָפנ 326 רובל און אינ 1935 יאָר—1147 רובל. דער פּלאַנ פונעמ סכוירע-אומזאַצ איז אויפנ ערשטנ קוואַרטאַל פונ 1936 יאָר איינגעשטעלט געוואָרנ אינ סכום פונ 23 מיל-

יאָנ רובל, וואָס באַשטימט פאַרויס דעמ יאָר=פּלאַנ פונעמ סכוירע־אומזאַצ אפנ יאָר 1936 אינ 100—120 מיליאָנ רובל.

א באַוווּזלעכער פאַקט פאַרנ יאָר 1935 איז די ליקווידירונג פונ דער מאַסנ־צוריקוואַנדערונג, וועלכע פלעגט פאָרקומענ אינ די פריִערדיקע יאָרנ. איבער דעמ פעלנ פונ א סיסטעמאַטישנ דיסקאָנט פונ די צוריקוואַנדער=פאַלנ איז שווער אויסצורעכענענ די צאָל צוריקוואַנדערער, אָבער לויט אַלע אומדירעקטע יעדיִעס קאָנ מענ באַשטימט קאָנסטאַטירנ, אַז דער מער זאָרגזאַמער אָפּקלייב פונ די איבערוואַנדערער אונ באַזונדערס די מער פילבאַרע אונ אויפמערקזאַמע באַציִונג צו די איבערוואַנדערער אינ דער געגנט אונ דער קאַמפ פאַר אײַנהאַלטנ זיי דאָרטנ האָט געמאַכט א סאָפ צומ צוריק=אַוועקפאָרנ פונ דער געגנט, וואָס האָט געהאַט אָנגענומענ א מאַסנ=כאַראַקטער.*

א באַוווּזלעכער פאַקט, וואָס זאָגט אויכעט וועגנ דער פאַרפעסטיקונג פונ די איבערוואַנדערער, וועגנ דעמ, אַז עס איז פאַר זיי געשאַפנ געוואָרנ א פעסטער לאַגע אינ דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט, זײַנענ די פאָדערונגענ, וואָס האָבנ אָנגענומענ א מאַסנ=כאַראַקטער מיצאַד די איבערוואַנדערער, וואָס האָבנ זיכ שוינ באַזעצט, וועגנ אַריבערפירנ צו זיי די פאַמיליעס אונ קרויווימ. לויט די אָנגאַבנ פונ דער געגנט זײַנענ אינ 1935 יאָר געקומענ 1088 קרויווימ, וואָס בלויז 417 פונ זיי זײַנענ איבערגעשיקט געוואָרנ אפנ כעזשבנ פונ קאָמערד, אונ די איבעריקע זײַנענ געקומענ אפנ אייגענעמ כעזשבנ.

אינעמ פאַרגאַנגענעמ יאָר האָט די געגנט אָפּגעגעבנ אויפמערקזאַמקייט דער פראַגע וועגנ צוציִענ קאַדרענ פונ דרויסנ אונ צו אָרגאַניזירנ טעכניקומענ פאַר צוגרייטנ קאַדרענ אפנ אָרט. לויט דער פאָדערונג פונ דער געגנט האָט דער קאָמערד אינ 1935 יאָר אָפּגעשיקט 598 אָרגאַניזאַטאָרס אונ ספּעציאַליסטנ. אינעמ פאַרגאַנגענעמ יאָר זײַנענ פאָרגעקומענ די ערשטע אַרויסלאָזנ פונעמ פעדאַגאָגישנ טעכניקומ אונ פונעמ טעכניקומ פונ מעכאַניזאַציע פונ דער לאַנדווירטשאַפט. עס

* לויט די אָנגאַבנ, וואָס זײַנענ באַקומענ געוואָרנ נאָכנ פּלענומ, זײַנענ פונ די 8 344 מאַנ, וואָס זײַנענ אָנגעקומענ אינ 1935 יאָר, אוועק פונ דער געגנט סאַכאַקל 33 פאַמיליעס אונ 56 יעכידימ, דה. אַרומ אונ אַרומ, אומגעפער, 160—170 מאַנ אָדער בא 2 פּראָצענט פונ די אַלע, וואָס זײַנענ אָנגעקומענ פאַרנ יאָר.

אָרגאַניזירנ זיכ צוויי נײַע טעכניקומענ — א באַרג-מעטאַלורגישער אונ מעדיצינישער טעכניקומ. עס האָט אָנגעהויבנ פונקציאָנירנ א סאָוו-פאַרטשול. פאַרנ פאַרגאַנגענעמ יאָר האָט אויכ דער פעדטעכניקומ באַ-קומענ א נײַע געבײַדע.

אינעמ יאָר 1935 האָט זיכ אינ דער געגנט פאַרשטאַרקט די פּראַק-טיק פונ דורכפירנ קורסנ פאַר צוגרייטנ קאַדרענ פונ מאַסנ-קוואַליפי-קאַציעס: טראַקטאָריסטנ, קאַדרענ פאַר פיכצוכט. אינ דער זעלבער צײַט האָט דער קאָמאַנדיר צומ ערשטנ מאָל דורכגעפירט דעמ פּרוּוו פונ א מאַסנ-צוגרייטונג פונ בויער-קאַדרענ אינ מאָסקווע אונ האָמעל — אינ קיִעוו באַ זייערע וואַרשטאַטנ, כדי צו באַפרידיקנ די באַדערפע-ניש פונ דער געגנט אינ אזעלכע קאַדרענ. לויט די אָפּרופנ פונ די געגנטלעכע אָרגאַניזאַציעס, האָט זיכ דער דאָזיקער פּרוּוו באַרעכטיקט.

צוגלײַכ מיט דער קאָמפּלעקטירונג פונ קאַדרענ פונ דרויסנ קריסטאַ-ליזירנ זיכ אויס פונ די אַלטע איבערוואַנדערער אַלץ מער אונ מער קאַדרענ סטאַכאַנאָווצעס אינ דער אינדוסטריעלער פּראָדוקציע, אינ דער לאַנדווירטשאַפט, אונ טראַנספּאָרט. פאַרהאַרטעוועטע אינ דער אומיטל-באַרער דויערנדיקער אַרבעט באַנײַצוקומענ די שוועריקייטנ פונ די ערשטע יאָרנ פונ באַהערשנ ביראָבידזשאַנ, זײַנענ זיי גוטע אָרגאַניזאַטאָרנ אפ אָנפירנדיקער אַרבעט.

אַלס בײַשפּיל קאָנ מענ אָנרופנ דעמ כ' ווילענסקי, אַנ אַי-בערוואַנדערער פונ יאָר 1928, וואָס איז אָנגעקומענ אינ דער ייִדישער געגנט אַלס מוירער פונ א שטעטל אונ איצט איז ער דירעקטאָר פונ דער ביראָבידזשאַנער עלעקטרישער סטאַנציע אונ מיטגליד פונעמ שטאָט-קאָמיטעט פונ דער אַלקפּ(ב); דער כ' שיקאָלניק — אַנ אַלטער אַי-בערוואַנדערער, וואָס איז איצט פאָרזיצער פונעמ בירער ראַיספּאָלקאָמ; כ' דעזניק — אַנ אָרגאַניזאַטאָר פונ סעלראַדנ אינ דער געגנט.

די סטאַכאַנאָווישע באַוועגונג האָט זיכ אינ דער געגנט אָנגעהויבנ אַנטוויקלענ מיט א באַזונדערער קראַפט נאָכ דער דורכאַרבעטונג פונ כאַווער סטאַלינס היסטאָרישער רעדע. די צאָל סטאַכאַנאָווצעס וואַקסט אינ דער געגנט אונ אינ דער שטאָט ביראָבידזשאַנ קעסיידער. אינ דער נײַ-פאַבריק, צומבײַשפּיל, איז אינ נאָיאַבער פונ 1935 יאָר געווענ 3 סטאַכאַנאָווצעס, אינ דעקאַבער — 26 אונ אָנהייב יאַנוואַר האַיאָר 42,

אינ דער פאַבריק „דימיטראָוו" איז אינ נאָיאַבער געווענ 4 סטאַכאַנאָווצעס, אָנהייב יאַנוואַר האיאָר — 12. אינ „ניבוי" („שווייסטרוי") זײַנענ אינ נאָיאַבער געווענ 6 סטאַכאַנאָווצעס, אונ אָנהייב יאַנוואַר—16.

עס וואַקסט די אַרבעטס-פּראָדוקטיוויטעט פונ די סטאַכאַנאָווצעס. אינ דער מעבל-פאַבריק „דימיטראָוו" האָט די בריגאַדע פונ דעם איבערוואַנדערער פונ 1934 יאָר — דעם כ' שווייבעט, וואָס איז אַריינגעטראָטנ פאַר א מיטפּילנדיק, אָנהייב דעקאַבער פונ פאַריקנ יאָר אויסגעפילט דעם פּלאַנ אַפ 160 פּראָצ. אונ איצט פילט זי אויס אַפ 250 פּראָצ. דער סטאַכאַנאָווצ פעדערניקאָוו — א קאָמוניסט, וואָס איז אינ 16-יאָריקנ עלטער געקומענ אלס אײַנצל-איבערוואַנדערער — פלעגט פריער אויספילנ דעם פּלאַנ אַפ 200 פּראָצ. אונ איצט אַפ 350—400 פּראָצ.

א באַזונדערס הויכע אַרבעטס-פּראָדוקטיוויטעט גיבנ די סטאַכאַנאָווישע מעבלערס אינ די סטאַכאַנאָווישע דריטאָגנ. דער אַרטעל „די ראָד פונ דער רעוואָלוציע" האָט אויסגעפילט דעם פּלאַנ אַפ 240 פּראָצ. אינעמ אַרטעל צייכנט זיכ באַזונדערס אויס דער איבערוואַנדערער שאַטנילאָ — א שמיד. אינ דער ניי-פאַבריק האָט די חזינ-בריגאַדע דעם 16 יאַנוואַר אויסגעאַרבעט 170 פּראָצ. דער שטולנ-צעכ, וואָס איז דער גרעסט-צעכ פונ דער מעבל-פאַבריק „דימיטראָוו", האָט דעם 17 יאַנוואַר אויסגעאַרבעט 160 פּראָצ. דער סטאַכאַנאָווצ קאַפּמאַנ האָט געגעבנ 469 פּראָצ., זילבערמאַנ — 360 פּראָצ., הויזמאַנ — 248 פּראָצ. בלויז אינ מענטש האָט ניט אויסגעפילט דעם פּלאַנ אונ האָט אויסגעאַרבעט 99 פּראָצ. אינ דער פאַבריק „דעמאַל" איז דעם 17 יאַנוואַר אויסגעאַרבעט געוואָרנ 253 פּראָצ. פונ דער אָפּגעבונג — 151 קובאָמעטער אינ איינ וואַכטע.

צוגלייכ מיטנ וואוקס פונ דער סטאַכאַנאָווישער באַוועגונג וואַקסט אויכ דער מאַטעריעל-שטייגערישער וווילשטאַנד. דער סטאַכאַנאָוועצ פּערעדניקאָוו פונ דער מעבל-פאַבריק „דימיטראָוו" פאַרדינט די לעצטע צייט צו 47 רובל א טאָג, די איבערוואַנדערנ בײַע הויזמאַנ — 23 רובל, אינ „ניבוי" פאַרדינט דער סטאַכאַנאָוועצ דער קאָמוניסט קאַראָבקאָוו 32 רובל א טאָג, ווילענסקי — 31 רובל, לײַדערמאַנ — 30 רובל, קוקלינקאָוו — 23 רובל, דער סטאַכאַנאָ-

וועצ ס א ר א ט אָ ו צ ע ו, א שמיד, וואָס ארבעט אינ די מעכאנישע רעמאָנט-ווארשטאטנ, האָט פאַרדינט אינ דעקאַבער 1215 רובל. עס זיינענ דורכגעפירט געוואָרנ פאַרזאמלונגענ, צונויפליענ פונ סטאַכאַנאָווצעס, געגנטלעכע באַראַטונגענ פונ סטאַכאַנאָווצעס פונ דער אינדוסטריע, פונעמ טראַנספּאָרט, פונ דער בויונג, פונ דער לאַנדווירטשאַפט.

★

אינ דעמ יאָר 1935, דעמ ערשטנ יאָר פונ דער עקזיסטענצ פונ דער געגנט, איז, ווי איר זעט, דורכגעפירט געוואָרנ א גרויסע ארבעט צו פאַרפעסטיקנ זי. דאָס דאָזיקע יאָר האָט געענדערט דאָס פּאָנעמ פונ דער געגנט אונ פריער פאַר אלצ דאָס פּאָנעמ פונ איר געגנטלעכנ צענטער. די שטאָט בירעבידזשאַנ ווערט פונ א געוועזענעמ סטאַנציע-יישוו, וואָס האָט געציילט סאַכאַקל 800 איינוווינער מיט עטלעכע יאָר צוריק, היינט טראַנספאָרמירט אינ א צענטער פונ דער לייכטער אינדוסטריע פונעמ ווייטמיזרעכדיקנ קאַנט.

די גרויסע פאַנאַנדערוויקלונג פונ דער ווירטשאַפטלעכער אונ דער קולטור-בויונג אינ דער געגנט האָט אנטפּלעקט אויכ די שוואַכע באַצירקנ אינ דער ארבעט, וואָס פאַרקלענערט די עפעקטיווע באַהערשונג פונ די קאַפּיטאַלע אינוועסטיציעס, האַמעווענ דעמ אויפשטייג פונ דער פאָלקווירטשאַפט פונ דער געגנט.

איינע פונ די סאַמע מאַמאָשעסדיקע בלייזנ איז דאָס נאָכ אלצ דויערנדיקע ערנסטע אָפּשטייג פונ דער בויונג, באַזונדערס פונ דער וווינונג-בויונג, אונ די ניט-גענוגנדע ווירטשאַפטלעכ-צוועקמעסיקע אונ עקאָנאָמיש-עפעקטיווע באַהערשונג פונ די קאַפּיטאַלע אינוועסטיציעס.

ניט געקוקט דערויפ, וואָס אינ דער געגנט זיינענ אָרגאַניזירט 4 אָדער, ריכטיקער, 5 בוי-קאָנטאָרנ—„מעסטפּראָמסטרוי“ פאַר אינדוסטריעלער בויונג, „בירעבידזשאַנסטרוי“—פאַר שטאָטישער בויונג, „פערעסעלענסטרוי“—פאַר בויונג אינ די איבערוואַנדערישע קאָלווירטנ, „קוסטזשילסטרוי“—פאַר בויענ פּראָדוצירישע אונ וווינונג-געביידעס פאַר קוסטאַרנ אונ די ספּעציעלע קאָנטאָר פאַר דער בויונג פונעמ באַרג-מעטאַלורגישנ טעכניקומ, איז די בויונג געגאַנגענ ניט גענוג אָרגאַניזירט, לאַנגזאַמ אונ טייער. די זאַכ איז נאָכ אלצ ניט אזוי אויפגעשטעלט,

אַז אַלע שוועריקייטנ מיט דער פּראָיעקטירונג, מיט בוי-מאַטעריאַלנ אונ מיט אַרבעטס-קראַפט זאָלנ פאָרויסגעזענ אונ דיסקאָנטירט ווערנ פונ פריער. אינ רעזולטאַט האָבנ מיר אַ שטאַרקנ יאָקרעס אונ אַנ אײַנ-געוואָרצלטע פּראַקטיק פונ אײַנרײַס צווישנ די סמעטע-קאָסטנ פונ דער בויונג אונ איר פאַקטישנ קאָסטנ אונ אַ גרעסטער אָפּהאַלט אינ דער בויונג פונ באַזונדערע אָביעקטנ.

אזוי איז לויטנ פּלאַנ, וואָס דער געגנטויס-פּירקאָם האָט דעם 8 יוני 1935 באַשטעטיקט, פאָרויסגעזענ אויסצובויענ 25 צווייסשטאָקיקע הײַזער אונ 15 אײַנשטאָקיקע, צוזאַמענ 40 בוי-אָביעקטנ מיט אַנ אַל-געמיינער קובאַטור פונ 51148 קובאָמעטער. פאַרענדיקט איז די בויונג בלויז פונ 12 אָביעקטנ אַפ 14648 קובאָמעטער. אָנגעהויבנ בויענ אינ 1935 יאָר אונ איבערגעלאָזט צו דערבויענ אינ 1936 יאָר האָט מענ 13 בוי-אָביעקטנ מיט אַנ אַלגעמיינער קובאַטור פונ 21418 קובאָמעטער. אינ בעסטנ פאַל איז דער פּלאַנ אַזויאַרום אויסגעפילט אַפ 50 פּראָצ.

דער שטעלפאַרטרעטער פונעם פאָרזיצער פונעם געגנטויס-פּירקאָם כאַראַקטעריזירט אַזוי די בויונג, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרנ אינ 1935 יאָר:

„די גרונט-סיבעס פונ דער שלעכטער אַרבעט — זאָגט דער כ' פּעוזנער — באַשטייענ אינ דעמ, וואָס אונדזערע בוי-אָרגאַניזאַציעס האָבנ ניט איבערגעפירט די בויונג אַפ אינדוסטריעלע רעלסנ, וואָס זיי קומענ ניט פאַר אויספילנ די פּלענער אינ די אָנגעמערקטע טערמי-נענ. בײַ אונדז אַרבעט מענ ניט לויט באַשטעטיקטע פּראָיעקטנ אונ סמעטעס, מע דערלאָזט גרויסע מערויסגאַבנ פונ די מיטלענ. צומבײַשפּיל, „מעסטפּראָמסטרוי" האָט הײַיאָר באַקומענ 6 מיליאָנ 300 טויזנט רובל — אויסגענוצט האָט ער איבער 5 מיליאָנ, אונ עפעקט איז פאַראַנ בלויז אַפ 3 מיליאָנ רובל. די בויער פונעם ציגל-זאַוואָד האָבנ באַקומענ 300 טויזנט רובל אונ אויסגעבויט האָבנ זיי בלויז אַפ 30 טויזנט רובל" („ביראָבידזשאַנסקאַיאַ זוועזדאַ" פונ 24 דעקאַבער 1935, נומ. 150).

„פערעסעלענסטרוי" האָט אויסגעבויט בלויז אַפ 50 פּראָצ. פונ זײַנ פּראָגראַם אונ האָט אויסגעגעבנ אַפ דער בויונג 73 פּראָצ. פונ די מיט-לענ, דאָס הייסט מיט אַנדערע ווערטער, אַז ער האָט אויסגעבויט ווי-ניק אונ טײַער.

די בויונג פלעגט טארמאזירט ווערנ איבער דער שוואכקײַט פונ די בוי-קאנטארנ, וואס זײַנענ ניט געווענ געזיכערט מיט אומזאצ-מיטלענ, מיט מעכאניזמענ און טראנספארט, וואס זאלנ אנטשפרעכנ דעמ פאר-נעמ פונ דער בויונג, איבער דער פליסעוודיקײַט פונ די בויער-קאדרענ, וואס פלעגנ ניט באווארנט ווערנ מיט שטענדיקע דירעס.

א ווײַכטיקער פאקטאר, וואס טארמאזירט די בויונג, איז אויכ דאס אפשטײַנ פונ דער פראדוקציע פונ ארטיקע בוי-מאטעריאלנ, באזונ-דערס פונ ציגל, וואס האט געפירט צו איבערײַסנ אינ דער בויונג פונ באזונדערע אביעקטנ. די אומארגאניזירטקײַט פונ דער בויונג האט גע-בראכט צו א נידעריקער ארבעט-פראדוקטיווקײַט אפ די בוי-ארבעטנ.

דאכ האבנ די סטאכאנאווישע מעטאדנ באוויזנ, אז מע קאנ באַ-דײַטנדיק העכערנ די ארבעט-פראדוקטיווקײַט אפ די בוי-ארבעטנ.

דער סטאכאנאוועצ דער מויערער ב א כ ר א וו—אנ אלטער מאנ פונ 58 יאר—פילט אויס די נארמע אפ 350 פראצ. און פארדינט 600 רובל א חודעש. דער קאמיוגיסט דער מויערער וו א ר א נ ק א וו, וואס ארבעט אפ דער בויונג פונעמ לאנדקאמער זאוואד, פילט אויס די נאר-מע ביז 700 פראצ. און פארדינט ביז 700 רובל א חודעש.

עס שטײט נאכ אלצ אפ די אנטוויקלונג פונ דער לאנדווירט-שאפט און, באזונדערס, די ארגאניזירונג און די בויונג פונ די איבער-וואנדערישע קאלווירטנ, וואס פירט צו אנ אײַנרײַס צווישנ דער אינ-דוסטריעלער און דער לאנדווירטשאפטלעכער באזעצונג פונ דער געגנט, צו א ווײַט ניט גענוגער באפרידיקונג פונ די שטענדיקע באדערפענישנ פונ דער געגנט אינ פראדוקטנ פונ פעלדצוכט און פיצוכט. פונ דער אלגעמײַנער צאל איבערוואנדערער אינ 1935 יאר, וואס האט באַ-טראפנ 6 טויזנט מענטשנ, זײַנענ געשיקט אינ קאלווירטנ און ראט-ווירטנ בלויז ביז טויזנט מאנ.

אינ געביט פונ אנטוויקלענ די טראנספארט-ווירטשאפט איז ניט אפגעגעבנ געווארנ די געהעריקע אופמערקזאמקײַט דער אנטוויקלונג פונ שיפאנג אפ דער רײַכער טײַכנ-סיסטעמ פונ דער געגנט, עס איז בי-פראט ניט אויסגעפילט געווארנ די באשטימונג פונ דער רעגירונג וועגנ ארגאניזירנ שיפאנג אפנ טײַכ בירא, וואס עס וואלט געקאנט האבנ א מאמאשעסדיקע באדײַטונג פאר דער עקאנאמיק פונ דער געגנט.

עס איז אבסאָליוט ניט געבראכט געוואָרנ אינ דער געגנט אינ אָרדענונג די וואלד-ווירטשאפט. אינ רעזולטאט דערפונ איז שוואכ אויסגענוצט געוואָרנ די קאָלאָסאלע וואלד-רעסורסנ, אלס פּראָדוציר-באזע פאר דער איבערוואנדערונג.

אינ דער געגנט איז פאראנ 143 מיליאָנ קובאָמעטער ליקווידירבארע געשעפט- אונ געהילצ-וואלד, פארשיידענע ווערטפולע מינימ געהילצ (צעדער, דעמב, בעריאָזע, ליפּנ, ניס-ביימער אונ אנדערע). איצט ווערנ אינ אלע אָרגאניזאציעס פארגרייט ביז 600 טויזנט קובאָמעטער געהילצ א יאָר, וואָס פונ דעמ ווערט דירעקט דורכ די געגנטלעכע אָרגאניזאציעס פארגרייט סאכאקל 75 טויזנט קובאָמעטער. דער פאָלקאָמוואלד איז, ניט אָרגאניזאציאָנעל, ניט דורכ קאפּיטאלע אינוועסטיציעס, ניט ארייננעצויגנ אינ דער אנטוויקלונג פונ דער וואלדישער אונ געהילצ-באארבעטנדיקער אינדוסטריע פונ דער געגנט. ביימ דאָס צוציִענ דעמ פאָלקאָמוואלד, וואָס טיילט אויס גרויסע קאפּיטאל-אינוועסטיציעס פאר דער וואלד-ווירטשאפט אונ דער וואלד-אינדוסטריע פונעמ ווייטמיזרעכדיקנ קאנט, וואָלט מיטגעהאָלפנ דער ריכטיקער אָרגאניזירונג אונ עקספּלואטאציע פונ דער וואלד-ווירטשאפט פונ דער געגנט, דער בעסערער באפרידיקונג פונ דער געגנט מיט בוי-מאטעריאלנ, דער אָרגאניזירונג פונ גרויסע געהילצ-באארבעטנדיקע אונטערנעמונגענ אונ דער באדייטנדער שנעלער פארגרעסערונג פונ דעמ פארנעמ פונ דער איבערוואנדערונג.

עס איז ניט אָפּגעגעבנ געוואָרנ קיינ געהעריקע אויפמערקזאמקייט צו אָרגאניזירנ כאָטשבי א ניט גרויסע אונטערנעמונג פונ דער שפּייז-אינדוסטריע, לויט דער ליניע פונעמ פאָלקס-קאָמיסאריאט פונ דער שפּייז-אינדוסטריע.

א וועזנטלעכער פעלער איז די קאָנצענטרירונג פונ דער אויפמערקזאמקייט אויפ דער אנטוויקלונג פונעמ געגנטלעכנ צענטער אונ די ניט גענוגנדע אויפמערקזאמקייט צו פארפעסטיקנ די וווילאיינאָרדענונג אונ צו באזאָרגנ מיט גרונטיקע קולטור-אנשטאלטנ די ראיאָנע צענטערנ, ארבעטער-ייִשובימ, שוינ אָפּגערעדט פונ די דאָרפנ.

דער געגנטלעכער צענטער, די שטאָט ביראָבידזשאנ, האָט צושמירנ די גרעסטע, אָבער ניט די גאנצע אויפמערקזאמקייט. עס האנדלט זיכ

וועלנ שאפנ און באזעצנ די געגנט. האָט דאַרפ מענ באזונדערס דיסקאָנטירנ אינ די באדינגונגענ פונעם ווײַטמיזרעכדיקנ קאנט.

די אָפּוועזנהײַט פונ א סיסטעמאטישנ און אקטיווע ארײַנציִענ די ייִדישע איבערוואנדערער אינ א רײַ ווירטשאפט=צווײַגנ. אינ דעם אײַזנבאנ=טראנספּאָרט מיט זײַנע דרײַ אײַזנבאנ=דעפּאָענ און מיט זײַנ גרויסער באהילפיקער ווירטשאפט איז פאראיאָרנ ארײַנגעצויגנ געוואָרנ ווייניקער פונ 100 מענטשנ. עס ווערנ קנאפ ארײַנגעצויגנ די איבערוואנדערער אינ די בוי=אָרגאניזאציעס, אינ דער וואלד=אינדוסטריע, אינ באדינענ דעמ קוראָרט קולדור, אינ דער פיש=ווירטשאפט, אינ די ווירטשאפטנ פונ „סאָיוז=פושנינא“ א. אנד.

ניט געקוקט אפ די באדײַטנדיקע דערגרייכונגענ, דאַרפ מענ קאָנסטאטירנ, די באפרידיקונג פונ די וואקסנדיקע באדערפענישנ פונ דער באפעלקערונג אינ געביט פונ בילדונג שטײַט נאָכ אלץ אָפּ. די נעץ קולטור=אנשטאלטנ איז בעפיירעש א ניט גענוגנדיקע. אינ דער הינזיכט זײַנענ כאראקטעריסטיש די ענטפערס אפ דער אנקעטע פונ דער „ביראָבידזשאנסקאיא זוועזדא“. פונ 6 כאווײרימ, וואָס האָבנ צוגעשיקט ענטפערס אפ דער פראגע פונ דער רעדאקציע: — וואָס איז נייטיק אויסצובויענ אינעמ יאָר 1936, שרײַבנ פינפ:

1. ש. אָ. ראָזענבערג — א סטעלמאכ פונ אנ ארטעל, וואָס איז געקומענ צו פאָרנ אינ 1928 יאָר, א סטאכאנאָוועצ, וואָס איז באקאנט אינ בירעבידזשאנ דערמיט, וואָס לויט זײַנ ארויספאָדערונג זײַנענ קיינ בירעבידזשאנ געקומענ 74 זײַנע קרויווימ — ענטפערט אפ דער פארגעבענער פראגע: בויענ א שפיטאָל.

2. פוסטילניק — א קאָלווירטניק, בעט אויסבויענ א קלוב.

3. לעשטשינסקי — א פעדאגאָג, — א נײַעמ בעסערנ טעאטער, א ביכער=מאגאזינ.

4. הויפטער — א קאָלווירטניק, בעט א גוטנ קלוב און א קינאָ=טעאטער.

5. מערנאָבראָד — א לערערנ פונ דער ייִדישער שול, איז פאר א פיאָנערנ=קלוב, פאר א קינדערשנ אוניווערמאג און פאר א גוטנ ברויט=זאוואָד.

פונ די 6 אָפּגעדרוקטע אנקעטעס באווײַזנ פינפ אפ דער בעפיירעש=

קנאפער קולטור=באדינונג. דעריבער איז די שטעלונג פונ דער פראגע וועגנ שאפנ א ריי גרויסע קולטור=אנשטאלטנ, ווי א פעדאגאגישנ אינסטיטוט, א וויסנשאפטלעכ=פארשערישנ אינסטיטוט פונ יידישער קולטור, א קאמפלעקסנעמ לאנדווירטשאפטלעכנ אינסטיטוט, אויסבויענ א געמייערטע געבײדע פארנ מעלוכישנ יידישנ טעאטער, א קולטור=פאלאצ אאוו. מער אינ קיינ מאס ניט אפרוקנ אפנ הינטער=פלאנ די בויונג פונ ארבעטער=קלובנ אונ אנדערע.

וועגנ דעמ, אז די מעדיצינישע באדינונג שטייט באדייטנד אפ, איז געזאגט געווארנ פריער.

עס זײנענ ווײט ניט באפרידיקט די באדערפענישנ פונ דער געגנט אינ קאדרעס.

„די געגנט נייטיקט זיכ אינ הויכ=קוואליפיצירטע קולטור=טוער, דאקטוירימ, אינזשעניערנ, אגראנאמענ אאוו“. (פונ כ' באווקינס ארטיקל).

דאס זײנענ די פעלערנ אפ באזונדערע באצירקנ פונ דער סאציאליסטישער בויונג פונ דער געגנט, וואס האבנ זיכ ארויסגעוויזנ אינ 1935 יאר אונ האבנ, ווי עס איז פריער געזאגט געווארנ, אינ א געוויסער מאס פארקלענערט די אלגעמיינע עפעקטיוויקײט פונ די קאפיטאלע אינוועסטיציעס. זיי האבנ ניט געגעבנ די מעגלעכקײט אלע ארגאניזאציעס צו דאפארמירנ וועגנ דער אויספילונג פונ דער אנגעמערקטער פראגראמ אפ 100 פראצ.

באזונדערס שלעכט, ווי דאס באטאנענ די געגנטלעכע ארגאניזאציעס אליינ, איז געווענ די לאגע מיט דער אינדוסטריעלער אונ וווינונג=בויונג. „בא דער געגנט האט ניט געקלעקט קיינ באלשעוויסטישע ארבעט=ארגאניזירונג“, — זאגט דער פארשטייער פונ דער רויטער ארמיי — כ' גרוזינסקי, אפ דער ספעציעלער באראטונג באמ געגנטוויספירקאמ איבער דער פראגע וועגנ דעמ גאנג פונ אויספילנ די אינדוסטריעלע בויונג. מע דארפ פארצייכענענ, אז אינ א באדייטנדיקער מאס פאלט דא די שולד אויכ אפ די צענטראלע ארגאניזאציעס, וואס האבנ די בויונג ניט געזיכערט אפילע מיט דער געהעריקער אנפירונג. מיט דער בויונג פונעמ פאלקס=קאמיסאריאט פונ דער ארטיקער אינדוסטריע האט פונ אנפאנג אנגעפירט דער שיקער אגטילאוו, דערנאכ דער פוסטעפאסניק ראדאש, דער פטעווד=ספעציאליסט אינ שיקער שאטאוו.

שפּעטער דער געוועזענער ווײַסגוואַרדייער אונ טראָצקיסט פּ ע ט ר אָ ו ו — זיי האָבנ אָנגעטאָנ דער בויונג שאָדנ. אזא אומבײַט פונ דער אָנפירונג אינ דער אָרטיקער אינדוסטריע איז פאָרגעקומענ אינ מעשעכ בלויז פונ איינ יאָר.

אָבער ניט געקוקט אפ די אלע פעלערנ, האָבנ מיר דאָס רעכט אונ דאַרפנ פאַרצייכענענ באַדײַטנדיקע פּאָזיטיווע פאָרשריטנ אפ אלע באַצירקנ פונ דער סאָציאַליסטישער בויונג פונ דער געגנט. די דאָזיקע דערפאָלגנ זײַנענ באַזונדערס קאָנטיק געוואָרנ נאָכ דער באַוווּסטער באַשטימונג פונעם קאָנטקאָם אלקפּ(ב) פונעם 28 אויגוסט וועגנ דעמ צושטאַנד פונ דער בירעבידזשאַנער פּאַרטיי-אָרגאַניזאַציע. די דאָזיקע באַשטימונג „האָט מיטגעהאָלפנ צו פאַנאַנדערוויקלענ אינ דער פּאַרטיי-אָרגאַניזאַציע אונ אינ דער פּרעסע א באָלשעוויסטישע קריטיק אונ זעלבסטקריטיק, א קאַמפּ קעגנ די נאַציאָנאַליסטישע עלעמענטנ פונ אלע מינים, קעגנ די דערשײַנונגענ פונ רעכילעס-פירנ אונ שושקערײַ, וואָס האָט פּאַסירט אויכ אינ אונדזער אָרגאַניזאַציע...“ „זי האָט געגעבנ א נײַעמ גרויסנ שטויס דעמ קאַמפּ פאַר ליקווידירנ דאָס פאַראַנענע אָפּשטײַג אפ באַזונדערע באַצירקנ פונ דער בויונג“ (פונ כ' כאַווקינס אַרטיקל).

די דערפאָלגנ פונעם יאָר 1935 זײַנענ גענומענ געוואָרנ אלס אויסגאַנגס-פּונקטנ צו בויענ דעמ פּלאַנ אפנ 1936 יאָר. די דאָזיקע דערפאָלגנ האָבנ געגעבנ די מעגלעכקײַט צו פּלאַנירנ א קאָלאָסאַלנ וווּקס פונ קאַפּיטאַלע אינוועסטיציעס אבסאָליוט אינ אלע געביטנ פונ דער פאָלקווירטשאַפט אונ מאַכנ אינ יאָר 1936 א נײַעמ שאַרפנ שפּרונג פאָרויס אפנ וועג פונ דער ווירטשאַפטלעכער אונ קולטורישער בויונג פונ דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט.

3

דער פאָלקווירטשאפטלעכער פּלאנ פונ דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט אפנ 1936 יאָר

לויט דער ספּעציעלער אויפגעבונג פונעם ראטפאָלקאָמ האָט דער פארבאנדישער מעלוכע-פּלאנ פאנאנדערגעארבעט אונ צוגעשטעלט דער רעגירונג צומ באשטעטיקנ דעמ פאָלקווירטשאפטלעכנ פּלאנ פונ דער געגנט אונ דעמ פּלאנ פונ דער איבערוואנדערונג אפנ יאָר 1936.

די אלע ציפערנ, וואָס ווערנ געבראכט אונטנ, ווערנ געגעבנ אפנ גרונט פונעם מאטעריאל פונעם מעלוכע-פּלאנ פונ ססר, וואָס זיינענ נאָכ ענדגילטיק ניט באשטעטיקט.

דער הײַזיקער פּלאנ פונ קאפּיטאלע אינוועסטיציעס איז באשטימט אינ 71,2 מיליאָנ רובל, וואָס ווײַזט אפ א באדייטנדיקנ וווּקס פונ דער סאָציאליסטישער בויונג פונ דער געגנט אינ פארגלײַכ מיטנ יאָר 1935.

די סטרוקטור פונעם אלגעמיינעם פארנעמ פונ די קאפּיטאלע אינ-וועסטיציעס לויט באזונדערע צווײַגנ צייכנט זיכ אויס:

	סאַכאַקל אינ טויזנטער רובל	דערונטער אפ וווינונג־בויונג	1935 י.	1936 י. אינ פּראָצ. צום יאָר 1935
1. לויט דער אינדוסטריע (איינגעשלאָסנ אויכ די וווינונג־בויונג פאר אינדוסטריעלע ארבעטער אונ קוסטארנ) .	38 518	11 4[illegible]2	12 685	193,3
2. לויט דער לאנדווירטשאפט .	16 352	4 740	7 770	238,2
3. לויט טראנספּאָרט אונ פאר־בינדונג	4 567	2 240	2 466	204
4. לויט דער קאָמונאלער ווירט־שאפט	5 165	1 705	2 964	171
5. אפ בילדונג (איינגעשלאָסנ די טעכניקומענ)	3 010	500	1 964	216
6. אפ געזונט־פארהיטונג . . .	2 805	55	1 276	289
7. אינ האנדל	780	120	206	330
ס א כ א ק ל	71 207	20 773	28 714	

די וויכטיקסטע בוי־אָביעקטנ אפנ יאָר 1936 לויט באזונדערע ווירט־שאפט־צווײַגנ זײַנענ:

א) לויט דער אינדוסטריע:

א) פ א ָ ל ק ס ־ ק אָ מ י ס א ר י א ט פ ו נ ד ע ר אָ ר ט י ק ע ר א י נ ־ ד ו ס ט ר י ע. די אלגעמײַנע גרייס פונ די קאפּיטאלע אינוועסטיציעס אפנ יאָר 1936, לויט דער אינדוסטריע פונעם פאָלקס־קאָמיסאריאט פונ דער אָרטיקער אינדוסטריע, ווערט באשטימט אינ 15,5 מיליאָנ רובל קעגנ די 7,5 מיליאָנ, וואָס זײַנענ פאקטיש אויסגעגעבנ געוואָרנ אינ 1935 יאָר, אָדער א וווקס אפ 206 פּראָצ. די דאָזיקע קאפּיטאלע אינוועסטיציעס זיכערנ, עס זאָלנ שוינ אינ 1936 יאָר געלאָזט ווערנ אינ עקספּלואַ־

טאציע די פאָלגנדיקע אונטערנעמונגענ: צוויי אויוונס פונעם קאלכ-זאוואָד אפ 20 טויזנט טאָנ קאלכ, א ציגל-זאוואָד מיט א מעכטיקייט פונ 1 מיליאָנ ציגל, א געגנטלעכע דרוקעריי, די ערשטע ריי פונ דער גיי-פאבריק און די גרונט-צעכנ פונעם וועגענער-זאוואָד און פונעם רעמאָנט-מעכאנישנ זאוואָד, אָנהייבנ בויענ דעם מעכאניזירטנ ציגל-זאוואָד מיט א מעכטיקייט פונ 12 מיליאָנ ציגל און די צוגרייט-ארבעטנ צו פאנאנדערוויקלענ די בויונג פונ גרויסע מעכאניזירטע טריקאָטאזש-און שוכ-פאבריקנ אינ 1937 יאָר.

ב) גלייכצייטיק מיט דער בויונג פונ דער לייכטער אינדוסטריע לויט דער ליניע פונעם פאָלקס-קאָמיסאריאט פונ דער אָרטיקער אינדוסטריע האָט דער פאָלקס-קאָמיסאריאט פונ דער שווערער אינדוסטריע אסיגנירט אפנ 1936 יאָר 1 מיליאָנ רובל, וואָס 800 טויזנט רובל דערפונ גייענ אפ פאָרזעצנ די דעטאלע געאָלאָגיש-אויסשפירערישע ארבעט אפ אויסזוכנ אינדוסטריעלע אייזנ-רעזערוונ אינעם קליינעם ביגאנ און 200 טויזנט רובל אפ אויסגעפינענ מאגניזיט אינעם ראיאָנ פונ ב י ג א נ און בארגאנעצ אינעם ראיאָנ פונ ו אָ ל אָ ט ש א י ע ו ק ע.

ג) אינ 1936 יאָר ווערט אָנגעמערקט א ווייטערדיקע בארייטנדיקע אנטוויקלונג פונ דער געווערב-קאָאָפעראציע — פונ פילפאכיקע געווערבנ און פונ דער וואלדישער געווערב-קאָאָפעראציע.

עס שטייט פאָר צו פארענדיקנ די בויונג פונעם פאנער-זאוואָד, פארענדיקנ די רעקאָנסטרוקציע פונ דער מעבל-פאבריק, פונעם וועגענער-זאוואָד, אָרגאניזירנ די פאנאנדערארבעטונג פונ מארמאָר, פארשטארקנ די פראָדוקציע פונ אָרטיקע בוי-מאטעריאלנ. די אלגעמיינע סומע קאפיטאלע אינוועסטיציעס אפ פראָדוצירישער בויונג ווערט באשטימט אינ א סכום פונ 1,2 מיליאָנ רובל און אפ וווינונג-בויונג פאר די איבערוואנדערער-קיסטארנ — 4,5 מיליאָנ רובל, אפ אנדערע איינאָרדענונג-נויטנ זייערע בא 4 מיליאָנ רובל.

ב. לויט דער לאנדווירטשאפט

אפ דער ווייטערדיקער הורכפירונג פונ מעליאָראציע-ארבעטנ און אויסטריקענענ 8 300 העקטאר אינ 1936 יאָר און אפ צוגרייטנ דעם

פּראָיעקט פונ אויסטריקענענ 20 טויזנט העקטאַר אינ 1937 יאָר איז באַרויסגעזעצ 1500 טויזנט רובל.

די פאַראַנענע דערפאַרונג פונ דער אַרבעט פונ אויסטריקענענ אַ שעטעכ פונ 18 טויזנט העקטאַר ביז הײַנטיקס יאָר באַווײַזט, אַז עס זײַנענ ניטאָ קײנ ערנסטע אינזשעניערישע אונ אָרגאַניזאַציאָנעלע שטערונ- גענ פאַר אַ סיסטעמאַטישער, פּלאַנמעסיקער דורכפירונג פונ די טרי- קענונג-אַרבעטנ אונ פאַר אַרײַנציִענ אינ לאַנדווירטשאַפטלעכנ אומזאַצ נײַע רויערד. אַ באַדײַטנדיקער טײל מיטלענ לויט דער לאַנדווירטשאַפט אפנ יאָר 1936 פאַלט אפ פאַרשטאַרקנ די ענערגעטיק. צומ פאַרשטײַ- ענדיקנ לאַנדווירטשאַפטלעכנ סעזאָנ ווערט פּראָיעקטירט צו קאָמפּלעק- טירנ דעמ טראַקטאָר-פּאַרק מיט 113 מאַשינעס, פונ וועלכע — 60 „טשטז“, 50 לאַסט-אונ פּאַסאַזשיר-אויטאָמאָבילנ, 60 קאָמבײַנענ אונ 40 קאָמפּליצירטע דרעש-מאַשינעס.

עס איז אויכ פאָרגעזענ צו ברענגענ אַ ספּעציעלנ אינווענטאַר אפ באַהערשנ רויערד אינ די באַדינגונגענ פונ דער יִדישער אויטאָנאָמער געגנט, ווי צומבײַשפּיל: 40 קוסט-פּלוגנ, 15 זומפּ-פּלוגנ אונ 150 פיר- קאָרפּוסנע טראַקטער-פּלוגנ. דער אַלגעמײנער ווערט פונ די מאַשינעס, וואָס מע פּראָיעקטירט אַרײַנצופירנ, ווערט אויסגערעכנט אינ אַ סומע פונ 2 מיליאָנ 500 טויזנט רובל.

מיטנ אַרײַנפירנ די אָנגעוויזענע צאָל אינווענטאַר וועלנ אינ 1936 יאָר אָרגאַניזירט ווערנ אַלס צוגאָב צו די עקזיסטירנדיקע 5 מטס 3 נײַע מאַשינ-טראַקטערנע סטאַנציעס: אײנע אינ סמידאָוויטשער ראַיאָנ (אינ וואָלאָטשאַיעווקע), אײנע אינ ביראָבידזשאַנער ראַיאָנ (אינ גורקי) אונ אײנע אינ סטאַלינער ראַיאָנ. אפ אויסצושטאַטנ די מטס מיט געבײַדעס, אפ עלעקטריפיצירנ זײ אונ אפ אַנדערער פּראָ- דוקצישער בויונג איז פאַרויסגעזעצ 2 מיליאָנ רובל.

אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקײט ווערט אָפּגעגעבנ דער באַפעסטי- קונג פונ די איבערוואַנדערישע קאָלווירטנ אונ דער אָרגאַניזירונג פונ נײַע קאָלווירטנ. אפ אויסבויענ 600 קאָלווירטישע הײַזער, באַמ פּלאַנ פונ קאָלווירטישער איבערוואַנדערונג סאַכאַקל פונ 300 ווירטשאַפטנ, אונ אפ ווירטשאַפטלעכער בויונג אינ די איבערוואַנדערישע קאָלווירטנ, אפ צו-

פירנ פי אהנל. ווערט אָפּגעגעבנ דער איבערוועגנדיקער טייל פונ אלע קרעדיטנ אפ דער לאנדווירטשאפט — ביז 20 מיליאָנ רובל.

אפ אויפהייבנ די פיצוכט — ארײַנפירנ ראסעווע פי, אויסבויענ פי-הייפנ אהנל. איז פאַרויסגעזענ 1,5 מיליאָנ רובל.

אזא ערנסטע אונטערשטיצונג מיט לאנדווירטשאפטלעכע מאשינעס אונ מיט קאפיטאלע אינוועסטיציעס גיט די מעגלעכקײַט צו דערפירנ אינ 1936 יאָר דעמ פארזיי-שעטעכ ביז 43 טויזנט העקטאר אונ דורכפירנ די צוגרייטנדיקע מאַסמיטלענ צו פארגרעסערנ דעמ פארזיי-שעטעכ נאָכ אפ 10 טויזנט העקטאר אינ יאָר 1937.

ג. לויט טראנספאָרט אונ פארבינדונג

די טראנספארט-בויונג, וואָס האָט זיכ פאנאנדערגעוויקלט אינ 1935 יאָר, אפ דורכפירנ די צווייטע קאָליעס איבער דער גאנצער לענג פונ דער יִדישער אווטאָנאָמער געגנט איז אָנגעמערקט צו פארענדיקנ אינ 1936 יאָר. גלײַכצײַטיק וועלנ אינ פארשיידענע פונקטנ, וואָס געפינענ זיכ באַ די אײַזנבאַנענ, אויסגעבויט ווערנ נײַע אמט-געבײַדעס, קעדיי בעסער באדינענ דעמ שנעל-וואקסנדיקנ פאסאזשיר-פארקער אונ פראכט-אומזאץ אינ דער געגנט.

צומ ערשטנ מאָל האָט האיאָר דער מעלוכע-פלאנ ספעציעל פארפלאנירט 2 מיליאָנ רובל אפ ווינונג-בויונג — אפ באוואָרענענ מיט ווױנונגענ איבער 400 איבערוואנדערישע יִדישע פאמיליעס, קעדיי צו באַדינענ דעמ אײַזנבאַנ-טראנספאָרט פונ דער יִדישער אווטאָנאָמער געגנט.

לויטנ פלאנ אפנ 1936 יאָר ווערט ארויסגעגעבנ דעמ פאָלקאָמוואַסער 515 טויזנט רובל אפ אײַנרעגולירנ דעמ שיפגאנג איבערנ טײַכ בירא אונ באזאָרגנ מיט קאטערנ, קעדיי אײַנצושטעלנ א רעגולערע וואַסער-קאָמוניקאציע צווישנ דעמ געגנטלעכנ צענטער אונ דעמ אמור.

פארנ אָנרעלסיקנ יאבאָשע-טראנספאָרט ווערט אסיגנירט 1 600 טויזנט רובל צו זיכערנ די קאָמוניקאציע צווישנ דעמ קוראָרט קולדור אינ דער נאָענטסטער אײַזנבאַנ-סטאנציע ביראקאנ מיט א קולטורעלנ שאָסיי-וועג אונ אפ מעכאניזירנ די וועג-ארבעטנ.

א וויכטיקע אנטוויקלונג וועט אינ 1986 יאָר באקומענ די אינער-

לעכ-געגנטלעכע צווישנשטאָטישע אונ אונטערשטע טעלעגראַפיש-טעלע-פאָנישע פאַרבינדונג מיט קאַפּיטאַל-אינוועסטיציעס פונ 500 טויזנט רובל.

אויב מע זאָל נאָכ דיסקאָנטירנ די קאַפּיטאַל-אינוועסטיציעס אפ פאַר-שטאַרקנ דעם אָרטיקנ לופט-פאַרקער, וואָס אנטוויקלט זיכ מיט דער-פאָלג אינ דער געגנט, וועט דער אלגעמיינער סכום קאַפּיטאַלע אינוועס-טיציעס אפ דער וועג-בויונג אונ אפ פאַרבינדונג זיכ אויסדריקנ אינ 1936 יאָר אינ א סומע פונ העכער 5 מיליאָנ רובל, ניט רעכנענדיק די גרויסע קאַפּיטאַל-אינוועסטיציעס אומיטלבאַר אפ בויענ אײַזנבאַנ-ליניעס.

ד. לויט דער קאָמונאַלער בויונג

א וויכטיקסטער אָביעקט, וואָס וועט האָבנ א באַשליסנדיקע באַדײַ-טונג פאַר דער ווײַטערדיקער, שנעלער אנטוויקלונג פונ דער געגנט, איז די בויונג פונ א מעכטיקער עלעקטרישער סטאַנציע אינ דער שטאָט בירעבידזשאַנ, דאָס פאַרענדיקנ אינ יאָר 1936 די ערשטע רײַ אפ 3 טויזנט קילאָוואַט, וואָס וועט קאָסטנ 3 מיליאָנ רובל.

אפ דער קאָמונאַלער וווינונג-בויונג אינ דער שטאָט בירעבידזשאַנ אונ אינ די ראַיאָנע צענטערס איז פאָרויסגעזענ 1,5 מיליאָנ רובל, דע-רונטער 200 טויזנט אפ בויענ די ערשטע רײַ פונ א האָטעל.

אויסער דעם וועלנ אינ יאָר 1936 זיכ אָנהייבנ די ארבעטנ צו פּראָ-יעקטירנ א וואַסערלייטונג אונ קאַנאַליזאַציע אינ דער שטאָט בירעביד-זשאַנ.

זעלבשטענדיק וועלנ לויט באַזונדערע אמטנ אינ דער שטאָט בירע-בידזשאַנ זיכ בויענ א רײַ דינסט-געבײַדעס אונ וווינונגענ פאַרנ פּערסאָ-נאַל, פונ זיי דאַרפ מענ פאַרצייכענענ די בויונג פונ דער געגנטלעכער קאָנטאָר פונעם מעלוכע-באַנק, די געגנטלעכע שפּאָר-קאַסע, דאָס הויז פונ סאָציאַליסטישער ערדאַרבעט אא"וו.

ה. לויט קולטור-בויונג

אינ יאָר 1936 וועט די יידישע אווטאָנאָמע געגנט באַרײַכערט ווערנ מיט א רײַ נײַע בויונגענ פאַר קולטור-אנשטאַלטנ אונ אפ פאַרבעסערנ דעם לעבנ-שטייגער פונ די ארבעטנדיקע.

צו דער דרײשטאָקיקער געמויערטער שול, וואָס איז אויסגעבויט גע=וואָרנ אינ יאָר 1935, וועט צוקומענ נאָך איינ שול אפ 880 ערטער, וואָס וועט קאָסטנ 950 טויזנט רובל. עס וועט אויך אויסגעבויט ווערנ א ספעציעלע געבײדע פאר דער געגנטלעכער ביבליאָטעק, וואָס וועט אָפ=קאָסטנ 350 טויזנט רובל, א קינדער=גאָרטנ, א קינדערשע טעכנישע סטאנציע, א קינדערהיימ, וואָס וועט אינ אלגעמיינ קאָסטנ 430 טויזנט רובל אאוו.

אינ 1936 יאָר וועט פאָרגעזעצט ווערנ די בויונג פונ טעכניקומענ. אפ דער בויונג פונעמ בארג=מעטאלורגישנ טעכניקומ איז אסיגנירט גע=וואָרנ 500 טויזנט רובל, ניט רעכענענדיק די מער באדײטנדיקע סומע אפ דער אויסשטאטונג פונעמ טעכניקומ אונ אפ דער צוזאמענוווינונג בא אימ. אפ דער בויונג פונ א געבײדע פארנ מעדיצינישנ טעכניקומ איז אסיגנירט געוואָרנ 800 טויזנט רובל. אפ א צוזאמענוווינונג פארנ פעדא=גאָגישנ טעכניקומ — 400 טויזנט רובל.

אויסער דעמ איז אסיגנירט געוואָרנ איבער 600 טויזנט רובל אפ אינסטאלירנ 2 קלאנגענ=קינאָ אינ די ראיאָנע צענטערס אונ אפ אויס=שטאטנ 5 אויטאָ=באוועגלעכע קלאנגענ=קינאָ.

לויט דער געזונט=פארהיטונג איז פאָרויסגעזענ איבער 1 מיליאָנ רובל אפ פארענדיקנ בויענ דעמ שפיטאָל אינ בירעבידזשאנ, אפ אויסבויענ א הויז פאר די מעדיצינישע טוער, אפ אויסבויענ א שפיטאָל אינ בי=ראקאנ, אפ אויסבויענ אנ אפטייק אינ דער שטאָט בירעבידזשאנ.

באזונדערס איז פאָרויסגעזענ לויט דער ליניע פונעמ פאָלקאָמגע=זונט אונ פונעמ אלפארבאנדישנ צענטראלנ פראָפראט 1 מיליאָנ 244 טויזנט רובל אפ דער פארברייטערונג אונ וווילײנאָרדענונג פונעמ קו=ראָרט קולדור.

וו. אפ אָרגאניזירנ קולטורעלנ האנדל

עס וועט פאָרויסגעזענ אפ פארברייטערנ די האנדלס=נעצ אונ אפ אויסשטאטנ א נעצ פונ סבוירע=לאגערס אינ דער געגנט 680 טויזנט רובל פארנ געגנטלעכנ צענטער אונ 100 טויזנט רובל אפ אײנאָרדענענ צוויי אוניווערמאגנ אינ ראיאָנע צענטערס.

שיאַפנ ערשטער אינעם פלאַנ פונ 1936 יאָר, וואָס וועלנ פאָדערנ א צוגאָבלעכע דורכאַרבעטונג, זיינענ פאָלגנדיקע:

א) עס זיינענ ניט פאָרויסגעזענ קאַפיטאַל-אינוועסטיציעס לויטנ פאָלקאָמוואַלד אַפ אַנטוויקלענ די מעלוכישע וואַלד-אינדוסטריע, בפרט אַפ דער בויונג פונעם באָנדער-זאַוואָד, פאַר וועלכנ עס איז פאַראַנ א גענויִ פאַנאַנדערגעאַרבעטער פראָיעקט און אַפילע אויסשטאַטונג.

ב) ניט געקוקט אַפ דעם באַדייטנדיקנ וווּקס פונ די אינוועסטיציעס אינ דער לאַנדווירטשאַפט פונ דער געגנט, קומט דאָך אויס צו קאָנסטאַטירנ, אַז עס האַלט אינ אָפשטיינ די לאַנדווירטשאַפטלעכע איבערוואַנדערונג. אינגאַנצנ איז געווענ פראָיעקטירט אַריבערצופירנ אינ 1936 יאָר אינ כאַלווירטנ 300 פאַמיליעס. קעדיי צו ליקווידירנ דאָס דאָזיקע אָפשטיינ און קעדיי צו דערפירנ די לאַנדווירטשאַפטלעכע פראָדוקציע אינ העסקעמ מיט די באַדערפענישנ פונ דער וואַקסנדיקער באַפעלקערונג פונ דער געגנט אינ אינדוסטריע און אינ טראַנספאָרט, וועט דעם פאָלקאָמערד פונ פססר אויסקומענ אינ 1936 יאָר פאַנאַנדערצואַרבעטנ א גענעראַלנ סכעמע פונ איינאָרדענענ די וואַסער-ווירטשאַפט פונ דער געגנט און א פלאַנ פונ לאַנדווירטשאַפטלעכער איבערוואַנדערונג אַפ די יאָרנ 1937—1938.

ג) עס זיינענ ניט גענוג די אַסיגנירונגענ אַפ דער פאַרפעסטיקונג פונ די ראַיאָנענ צענטערס און אַפ דער בויונג פונ קולטור-שטייגערישע אַנשטאַלטנ אינ די דאָרפישע פונקטנ.

באַטראַכטנדיק דעם דאָזיקנ פלאַנ אינגאַנצנ גענומענ, דאַרפנ מיר פאַרצייכענענ פאָלגנדיקע וויכטיקסטע מאָמענטנ:

א) דער פלאַנ זעט פאָר א באַדייטנדיקע פאַרגרעסערונג פונ דער וווינונג-בויונג אינ אַלע ווירטשאַפט-צווייגנ מיטנ ציל צו זיכערנ די איבערוואַנדערער פאַר אינדוסטריע, טראַנספאָרט און אַנדערע ווירטשאַפט-צווייגנ מיט וווינונגענ. אָנשטאָט 7,5 מיליאָנ רובל אַפ וווינונג-בויונג אינעם יאָר 1935 ווערט אַפנ יאָר 1936 פאָרויסגעזענ 20,7 מיליאָנ רובל.

ב) דער פלאַנ זיכערט ווירקלעכ, אַז די שטאָט בירעבידזשאַנ זאָל פאַרוואַנדלט ווערנ אינ א צענטער פונ דער לייכטער אינדוסטריע פונעם וויט-מיזרעכדיקנ קאַנט.

לויט דער ליניע פונעם פאָלקאָמיסאַריאַט פונ דער אָרטיקער אינ=

דוסטריע ווערט פאָרויסגעזעג צו פארוויקלענ אינ דער יידישער אויטאָ= נאָמער געגנט 23,2 מיליאָנ רובל פונ דער אלגעמיינער סומע 38,4 מי= ליאָנ רובל, וואָס פארגנ גאנצנ קאנט — קימאט 70 פּראָצ. פונ אלע קא= פּיטאל=אינוועסטיציעס אפ דער אָרטיקער אינדוסטריע פונעם ווינבי= ריעבדיקנ קאנט.

ג) לויטנ פלאנ איז פאָרויסגעזעג צו פארגרעסערנ די פּראָדוקציע פונ בוי=מאטעריאלנ אונ באזונדערס אייגאָרדענענ די ציגל=פּראָדוקציע.

ד) לויטנ פלאנ איז פאָרגעזייכנט א וויכטיקע באדייטנדיקע אנט= וויקלונג פונ דער קוסטאר=אינדוסטריע (עס ווערט קימאט טאָפּלט פאר= גרעסערט די פּראָדוקציע פונ לויט דער סיסטעם פונעם פילפאכיקנ גע= ווערב=פארבאנד פונ אויכ לויטנ וואלד=געווערב=פארבאנד) אונ די אנט= וויקלונג פונ א רייע נייע מינימ פּראָדוקציעס אפ דער באזע פונ דעמ רייכסטנ אָרטיקנ ריוואָרג (די פּראָדוקציעס פונ מארמאָר-אויסארבעטונגענ, פונ קולטור=סכוירעס, פונ וויסנשאפטלעכ=קינסטלערישע אויסארבעטונגענ, די איבערארבעטונג פונ צעדער=ניס, רייכערנ פיש א.א.וו.).

ה) דער פלאנ זיכערט די פארברייטערונג פונ דער לאנדווירטשאפט= לעכער באזע פונ דער געגנט אונ א וויכטיקע פארשטארקונג פונ איר אויסשטאטונג מיט א מעכטיקער טעכניק, ווי אויכ די דורכפירונג פונ צוגרייט=מאָסמיטלענ (מעליאָראציע אונ אופאקערונג פונ רויערד) אינ יאָר 1936 פארנ וויכטיקנ, שנעלערנ וווּקס פונ דער לאנדווירטשאפט= לעכער פּראָדוקציע, וואָס אנטשפּרעכט דער אויפגאבע, וואָס כאווער סטאלינ האָט געשטעלט, צו דערפירנ אינ די נאָענטסטע 2—3 יאָר די טבועע=פּראָדוקציע ביז 7—8 מיליארד פוד.

מיט דעמ ציל ווערט אפנ יאָר 1936 שארפ פארגרעסערט די קאפּי= טאל=אינוועסטיציעס אינ דער לאנדווירטשאפט פונ 7,5 מיליאָנ אינ 1935 יאָר ביז 18 מיליאָנ אינ יאָר 1936 (א פארגרעסערונג אפ 2,5 מאָל).

ו) דער פלאנ שאפט אנ ענערגעטישע באזע אינ דער שטאָט בירע= בידזשאנ, וואָס וועט האָבנ אנ אנטשיידנדיקע באדייטונג פאר דער אינ= דוסטריעלער אנטוויקלונג פונ דער געגנט אונ פאר דער פארבעסערונג פונ די שטייגער=באדינגונגענ אינעמ געגנטלעכנ צענטער.

ז) דער פלאנ זעט פאָרויס א וויכטיקע ערנסטע פארבעסערונג פונ

העכער קולטור־שטייגערישער באדינונג פונ די ארבעטנדיקע פונ דער געגנט אונ די אָרגאניזירונג פונ א קולטורעלנ האנדל, אונ

ט) א ראדיקאלע פארשטארקונג פונ אלע בוי־אָרגאניזאציעס פונ דער געגנט מיט טראנספּאָרט, מיט מעכאניזמענ, אויסשטאטונג—מיט טראקטערס, אויטאָמאָבילנ, מיט באוועגלעכע זעגמיל־ראמענ, שינדל־שנײַדערס אאז"וו., מיט אומזאצ־מיטלענ, רעאָרגאניזירנדיק דערבײַ די בוי־קאָנטאָרנ פונ דער אָרטיקער אינדוסטריע אונ פונ דער קאָמונאלער ווירטשאפט אינ ספּעציעלע בוי־טרעסטנ פאר דער אינדוסטריעלער אונ קאָמונאלער בויונג אונ באזאָרגנדיק דערבײַ טײלווײַז מיט מיטלענ די וווינונג־בויונג, קעדײַ צו שאפנ שטענדיקע קאדרעס בוי־ארבעטער.

די האָזיקע מער פולע באזאָרגונג פונ די בוי־קאָנטאָרנ מיט אומזאצ־מיטלענ אונ מיט בוי־מעכאניזמענ איז צו זענ פונ דער פארגלײַכונג פונ די פאָלגנדיקע ציפערנ:

צײַגער:	1935 י.	1936 י.
פארנעמ פונ דער בויונג.	18 מיליאָנ רוב.	42,5 מיליאָנ רוב.
אומזאצ־מיטלענ פונ אלע בוי־קאָנטאָרנ. . .	1,2 " "	6,0 " "
בוי־ארבעטער	2 830	3 575
זעגמיל־ראמענ	4	18
אווטאָמאָבילנ אפ די בויונגענ	14	40
טראקטערס " "	10	28
פערד " "	163	498

רײַכ אונ פארשײדנארטיק איז דער פאָלקווירטשאפטלעכער פּלאנ פונ דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט אפנ יאָר 1936. אויסערגעוויינלעכ רײַכ אונ אינהאלטספול איז די פּראָגראמ פונעמ סטאכאנאָווישנ יאָר פאר דער געגנט. דאָס אויספילנ זי וועט באזאָרגנ די נײַע איבערוואנדערער מיט ארבעט אונ וווינונגענ, זי גיט א רײַכע פּערספּעקטיוו פאר אופנעמענ אינ די ווײַטערדיקע יאָרנ, סײַ אינ דער אינדוסטריע אונ סײַ אינ דער לאנדווירטשאפט נאָכ א גרעסערע צאָל איבערוואנדערער, זי זיכערט א ווײַטערדיקנ שנעלנ וווּקס פונ דער יידישער קולטור, א נאציאָנאלע

לויט דער פאָרמ אונ א סאָציאַליסטישע לויטנ אינהאלט, זי זיכערט דער יידישער אווטאָנאָמער געגנט א בעקאָוועדיק אָרט צווישנ די אנדערע געגנטנ פונעמ ווײַטמיזרעכדיקנ קאנט, וועלכער ווערט פארוואנדלט אינ אנ אומצוטרייסלעכער פעסטונג פונ סאָציאַליזמ אפנ מיזרעכ.

קעדיי אויסצופילנ די דאָזיקע גרויסע פראָגראמ, זײַנענ נייטיק הויכע טעמפנ פונעמ וווקס פונ דער ארבעט=פראָדוקטיווקײַט, א באדײַטנדיקע פארבעסערונג אונ פארביליקערונג פונ דער קאפיטאלער בויונג. עס איז נייטיק, מיר זאָלנ פעסט באנעמענ, אז „אויב מיר וועלנ פארבלײַבנ אפנ זעלבנ ניוואָ פונ דער ארבעט אינ דער בויונג, ווי דאָס איז געווענ פאראיאָרנ, וועלנ מיר אונטערפירנ די מעלוכע אונ מיר וועלנ ניט אויספילנ דעמ בויונג=פלאנ" (מ אָ ל אָ ט אָ וו). אונ מיר וואָלטנ טאָקע אונטערגעפירט די מעלוכע, וואָס גיט מיט א ברייטער האנט מיטלענ אפ דער בויונג פונ דער יונגער יידישער אווטאָנאָמער געגנט.

צו די בויער פונ דער יידישער געגנט באציט זיכ: „פריער פאר אלצ דארפנ די בויער פארשטיינ, אז עס איז געקומענ די צײַט צו מאכנ א סאָפ מיט די געוווינהײַטנ ניט אויסצופילנ די בוי=פראָגראמ לויט די טערמינענ אונ לויטנ קאָסטנ" (מ אָ ל אָ ט אָ וו). „מיר דארפנ: אופהייבנ אונדזער בויונג אפ א נײַער, העכערער שטופע, בויענ הויכ=קוואליטאטיוו אונ באדײַטנדיק ביליקער" (ק א ה א נ אָ וו י ט ש).

פולשטענדיק באהערשנ די קאפיטאל=אינוועסטיציעס, בויענ הויכ=קוואליטאטיוו, ניט ארויסגייענדיק פונ די באשטעטיקטע סמעטעס, — דאָס זײַנענ די אופגאבנ. די באָלשעוויסטישע אײַנגעשפארטקײַט פונ דער אָנפירונג פונ דער געגנט, די סטאכאנאָווישע באוועגונג, וואָס האָט זיכ ברייט פאנאנדערגעוויקלט אינ אלע צווײַגנ פונ דער פאָלקווירטשאפט פונ דער געגנט, די הילפ פונ דער געזעלשאפטלעכקײַט לויט דער ליניע פונ געזערד דארפנ זיכערנ די הונדערטפראָצענטיקע אויספילונג פונ די דאָזיקע אופגאבנ.

4

איבערוואַנדערונג

די ייִדישע אווטאָנאָמע געגנט בויט זיך אויפנ גרונט פונ איבערוואַנדע־רונג און דערײַבער, אינ אונטערשייד פונ די פּלענער פונ אנדערע געגנטנ, פאַרנעמט אינעם פּלאַנ פונ דער פאָלקווירטשאַפט פונ דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט א באַזונדער אָרט דער איבערוואַנדערונגס־פּלאַנ.

ווי אזוי איז אויסגעפילט געוואָרנ דער איבערוואַנדערונגס־פּלאַנ אינ יאָר 1935 און וואָס פאַר אויפגאַבנ שטייענ פאַר אונדז אינ יאָר 1936?

אינעם יאָר 1935 איז לויט דער באַשטימונג פונעם ראַטפאָלקאָם פונ פססר פונעם 9 מײַ אײַנגעשטעלט געוואָרנ אנ איבערוואַנדערונגס־פּלאַנ אינ דער גרייס פונ 10 500 מאַנ. די היזיקע באַשטימונג האָט פאַרפּליכ־טעט דעמ קאָמערד צו שליסנ אָפּמאַכנ מיט אַלע אָרגאַניזאַציעס און אנשטאַלטנ אויפ דער אויבנ אָנגעוויזענער צאָל. פאַקטיש זײַנענ געשלאָסנ געוואָרנ אָפּמאַכנ סאַכאַקל אויפ 1 236 פאַמיליעס און 1 921 איינצלנע איבערוואַנדערער, וואָס עס האָט פאַרנ יאָר, בײַ דער דורכשניטלעכער גרייס פונ א פאַמיליע 3,5 מענטשנ, באַטראָפנ 6 500—6 600 מאַנ.

אינ דער היזיקער פאַרקלענערונג פונעם פּלאַנ, וואָס איז סאַנקציאָ־נירט געוואָרנ פונ א שפּעטערדיקער באַשטימונג פונעם ראַטפאָלקאָם, קאָנ מענ בעשומעופנ ניט אײַנזענ קיינ פאַרקלענערונג פונ דער באַדער־פעניש אינ אַרבעטקראַפט. אַרבעט וועט זיך אינ דער געגנט געפינענ פאַר א סאַך א גרעסערע צאָל מענטשנ. אינ גרונט האָט לימיטירט די איבערוואַנדערונג די הינטערשטעליקײַט פונ דער וווינונג־בויונג. אינ

1936 יאָר האָט מענ בעדייע אריבערזעצנ 10 טויזנט מאַנ, אונ אַפּ אײַנאָרדענענ זיי איז פֿאַרפּראָיעקטירט צו פֿאַרווענדנ איבער 20 מיליאָנ רובל, בײַמ פֿאַר די 10 טויזנט 500 מאַנ, וואָס מע האָט געהאַט בעדייע אריבערזעצנ אינ 1935 יאָר, איז אויסגעגעבנ געוואָרנ אַפּ וווינונג-בויונג 7,5 מיליאָנ רובל.

אינעמ יאָר 1935 האָט זיכ, אַזוי אַרומ, איבערגעכאַזערט דער פֿעלער פֿונ די פֿריִערדיקע יאָרנ. דער איבערוואַנדערונגס-פּלאַנ איז ניט געווענ פֿאַרבונדנ מיטנ בויונגס-פּלאַנ אונ פֿריִער פֿאַר אַלצ מיטנ פּלאַנ פֿונ וווינונג-בויונג.

פֿונ די אָנגעוויזענע 6 500 מאַנ זײַנענ אָפּגעשיקט געוואָרנ דורכנ קאָמערד סאַכאַקל 5 980 מאַנ. עס זײַנענ אָפּגעשיקט געוואָרנ דורכנ קאָמערד 1 008 פֿאַמיליעס—85 פּראָצ. פֿונעמ פּלאַנ אונ 2 425 אײנצלנע איבערוואַנדערער, אָדער 122 פּראָצ. פֿונעמ פּלאַנ *. פֿונעמ שטאַנדפּונקט פֿונ באַפֿרידיקנ די ייִדישע אַוטאָנאָמע געגנט אינ דער נייטיקער אַרבעטקראַפֿט איז דער פּלאַנ אַפּ אַזאַ אופֿנ אויסגעפֿילט אינגאַנצנ, כאָטש אינ קוואַנטיטאַטיווער הינזיכט, פֿונעמ שטאַנדפּונקט פֿונ דער צאָל נעפֿאַשעס, איז ער אויסגעפֿילט געוואָרנ סאַכאַקל אַפּ 92 פּראָצ. דערבײַ דאַרפֿ מענ אָנווײַזנ, אַז דאָס, וואָס אינ דעקאַבער איז ניט איבער דער שולד פֿונעמ קאָמערד אונ ניט איבער דער שולד פֿונ די אויסוואַנדערונגפּונקטנ אָפּגעשטעלט געוואָרנ דאָס אָפּשיקנ די שוינ פֿאַרווערבירטע איבערוואַנדערער, האָט ניט געגעבנ די מעגלעכקײַט דעמ קאָמערד צו ראַפּאָרטירנ וועגנ א 100-פּראָצענטיקער אויספֿילונג אַפֿילע פֿונעמ שטאַנדפּונקט פֿונ דער צאָל נעפֿאַשעס.

ניט שלעכט איז אויסגעפֿילט דער פּלאַנ אויכ אינ קוואַליטאַטיווער הינזיכט. בראַק האָבנ מיר סאַכאַקל 2 פּראָצ. וועגנ דעמ, אַז דער אָפּקלויב איז געווענ א נישטיקער, איז אָנגעוויזנ געוואָרנ פֿריִער.

דער קאָמערד האָט אָפּגעשיקט סאַכאַקל בלויז בא 6 טויזנט מאַנ, אָבער לויט די אָנגאַבנ פֿונ דער געגנט איז אינ יאָר 1935 אָנגעקומענ אינ דער געגנט 8 344 מאַנ. עס זײַנענ אַפּ אַזאַ אופֿנ געקומענ צו פֿאָרנ

* לויט די שפּעטערדיקע דורכקאָנטראָלירטע בוכהאַלטערישע אָנגאַבנ, זײַנענ דורכנ קאָמערד אָפּגעשיקט געוואָרנ 6 135 מאַנ אָדער 94,5 פּראָצ. בענוגע דעמ גאַנצנ סכומ — 87 פּראָצ. פֿאַמיליעס אונ 128 פּראָצ. אײנצלנע איבערוואַנדערער.

אויסערנ קאָמערד נאָכ 2 300 מאַנ. דער דאָזיקער אונטערשייד איז פאַרגעקומענ, אַפ וויפל דעם קאָמערד האָט זיכ איינגעגעבנ פעסטצושטעלנ, אַפנ כעזשבנ פונ 1 300 מאַנ ניט-יידנ, וואָס זיינענ זעלבשטענדיק געקומענ צו פאָרנ, אָדער אַפנ כעזשבנ פונ ווירטשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס, 650 מאַנ, וואָס זיינענ אָנגעקומענ אַפנ כעזשבנ פונ זייערע קרוווימ (לויט זייערע ארויספאָדערונגענ), אונ בא 350 מאַנ, וואָס זיינענ אויכ געקומענ צו פאָרנ אַפנ אייגענעמ כעזשבנ. צומ 1 פעווראַל האַיאָר זיינענ אַלע אָנגעקומענע איבערוואַנדערער, סיי געקומענע דורכנ קאָמערד סיי אויכ געקומענע אַפנ אייגענעמ כעזשבנ איינגעאָרדנט געוואָרנ אַפ אַרבעט.

די אָנגעקומענע 8 344 מאַנ ווערנ פאַרטיילט אַפ אַזאַ אויפנ: סאַכאַקל זיינענ אָנגעקומענ 1 619 פאַמיליעס, 5 917 נעפאַשעס, אונ 2 430 איינצלנע. לויט דער סאָציאַלער לאַגע זיינענ 50 פראָצ. פונ די אָנגעקומענע איבערוואַנדערער — אַרבעטער, 12 פראָצ. אָנגעשטעלטע, 19 פראָצ. קוסטאַרנ, 9 פראָצ. קאָלווירטניקעס אונ 4 פראָצ. פאַרשיידענע. פאַרטיי-מיטגלידער איז צווישנ די זעלבסטעטיקע איבערוואַנדערער פאַראַנ 5 פראָצ., קאָמיוגיסטנ—7 פראָצ., פאַריינ-מיטגלידער—61 פראָצ. לויטנ עלטער טיילנ זיכ די איבערוואַנדערער אַזוי: קינדער ביז 8 יאָר — 14 פראָצ., פונ 8 ביז 16 יאָר—18 פראָצ. אונ עלטער פונ 16 יאָר—68 פראָצ. די צאָל מענער צווישנ די איבערוואַנדערער באַטרעפט 68 פראָצ. אונ פרויענ—32 פראָצ.

ניט געקוקט דערויפ, וואָס דער פלאַנ אינגאַנצנ גענומענ איז אינ אַלגעמיינ, סיי אינ קוואַנטיטאַטיווער אונ סיי אינ קוואַליטאַטיווער הינזיכט אויסגעפילט געוואָרנ צופרידנשטעליק, דאַרפנ מיר קאָנסטאַטירנ, אַז אינ אַ רײ געגנטנ (ווינניצער אונ דנעפּראָפּעטראָווסקער פריִער פאַר אַלצ) איז די לאַגע ווייט ניט קוש.רע. בעסער פונ אַלע האָט אויסגעפילט דעמ פלאַנ די קיִעווער געגנט.

קיִעוו אונ ווינניצע האָבנ געהאַט איינע אונ די זעלבע אויפגעבונג. דער ספּעציפישער געוויכט פונ יעדערער פונ די דאָזיקע געגנטנ האָט אינעמ אַלגעמיינעמ יאָרפלאַנ באַטראָפנ צו 22,3 פראָצ. אָבער ביים דער טייל פונ קיִעוו אינ אויספילנ דעמ פלאַנ איז געשטיגנ ביז 29 פראָצ.

פונ אלע איבערוואנדערער, וואס דער קאָמערד האט אָפּגעשיקט, האט דער טייל פונ וויניצע זיכ פארקלענערט ביז 19,8 פראָצ.

אנ אומבאשטרייטבארער פּאָזיטיווער פאקטאָר, וואס האט געווירקט אפ דער פארבעסערונג פונ דער קוואליטעט פונ דער ווערביר-ארבעט, איז געווענ די אלגעמיינע עקאָנאָמישע פארבעסערונג אינ שטעטל, אונ די צופרידנשטעליקע אויספילונג פונעמ פלאנ קאָנ מענ דעריבער ניט פארעכענענ אויסשליסלעכ אפ דער פארבעסערונג פונ דער ארבעט פונעמ קאָמערדישנ אפאראט.

מע קאָנ, פארשטייט זיכ, אָנווייזנ אפ א ריי פארבעסערונגענ פונ דער אָפּעראטיווער ארבעט אינ יאָר 1935 אינ דער איבערוואנדערונג אינ פארגלייכ מיט די פריִערדיקע יאָרנ: א גרעסערע פּלאנישקייט ביכלאל, דאס אָפּשיקנ איבערוואנדערער לויט אָפּמאכנ, וואס זיינענ פונ פריִער געשלאָסנ געוואָרנ מיט ווירטשאפטלעכע אָרגאניזאציעס, א מער אופמערקזאמע באציִונג צומ אָפּקלייב פונ די איבערוואנדערער מיצאד א ריי אָרטיקע אָרגאניזאציעס פונ קאָמערד אונ געזערד (כאָטש נאָכ ווייט ניט אינ אלע פאלנ), קאמפ קעגנ פסעוודא-איבערוואנדערער, וואס פלעגנ פריִערדיש ספעקולירנ—אָט איבערוואנדערנ קיינ בירעבידזשאנ אונ אָט צוריקלויפנ פונ דאָרטנ. א באדייטנדיק בעסערע אָרגאניזאציאָנעלע איינרעגולירטקייט פונ דער טראנספּאָרטירונג אונ דער באדינונג אינ וועג אונ א סאכ א גרעסערע אופמערקזאמקייט אונ פילבארקייט מיצאד די געגנטלעכע אָרגאניזאציעס צומ אופנעמענ, איינאָרדענענ אונ באזעצנ די איבערוואנדערער, וואס דאס איז נאָכ ניטאָ בא א סאכ ווירטשאפטלעכע אָרגאניזאציעס, וועלכע די איבערוואנדערער ווערנ דירעקט אָפּגעשיקט אפ ארבעט.

אזוי, צומביישפּיל, איז פונ דער יידישער אווטאָנאָמער געגנט אָוועקגעפאָרנ צוריק 12 „יעווראבמאָלצעס“ איבער דער שלעכטער באציִונג מיצאד דער אדמיניסטראציע, איבער דער זעלבער סיבע זיינענ אָוועקגעפאָרנ צוריק 6 פאמיליעס אונ 3 איינצלנע איבערוואנדערער פונעמ טרינגוסקער זאוואָד.

די אָפּעראטיווע ארבעט אינ דער איבערוואנדערונג פאָדערט אָבער נאָכ א ריי ערנסטע פארבעסערונגענ, סיי מיצאד די קאָמערד-אָרגאנענ

אונ געזערד-אָרגאַניזאַציעס סײַ אויס מיטאַד די געגנטלעכע אָרגאַני־זאַציעס פונ דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט.

1. דער געגנטלעכער אויספּירקאָמ, אונ אויכ דער קאָמערד האָבנ ניט באַוויזנ באַצײַטנס צו דערברענגענ דעמ יאָרפּלאַנ אונ די קוואַרטל־אָרדערס צו די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס, אַזוי אַז זײ זאָלנ האָבנ גע־נוג צײַט פאַר זאָרגזאַמער קאָמפּלעקטירונג פונ די געפאָדערטע איבער־וואַנדערער לויטנ געגעבענעמ אָרדער אונ זאָלנ האָבנ אַ פּערספּעקטיוו פונ דער ווײַטערדיקער באַדערפעניש אינ איבערוואַנדערער פונ די גרונט־קוואַליפיקאַציעס.

2. אַ וויכטיקער פעלער איז דאָס, וואָס די געזערד־אָרגאַניזאַציעס אַרבעטנ ניט סיסטעמאַטיש איבער דעמ אַרײַנציִענ אונ אויפקלײַבנ קאַנ־דידאַטנ לויט די געפאָדערטע ספּעציאַליטעטנ פונ צווישנ די בעסערע טוער, וואָס האָבנ זיכ פאַרעקאָמענדירט אינ דער פּראָדוקציע אונ וואָס וואָלטנ געקאָנט זײַנ איבערגעגעבענע, נוצלעכע טוער אינ דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט. די נאָכ אַלץ פאַרבליבענע קאַמפּאַניִישקײַט; דער אײַליקער אָפּקלײַב פונ די איבערוואַנדערער, וואָס ווערט דורכגעפירט פונ מאָל צו מאָל, אָנ אַ פריִערדיקער זאָרגזאַמער שטודירונג פונ באַזונ־דערע ראַיאָנענ, באַזונדערע אָרגאַניזאַציעס, ווו מע קאָנ אָפּקלײַבנ די נייטיקע קאָנטינגענטנ פונ בעסערער קוואַליטעט.

3. די אָפּוועזנהײַט פונ קאָמערדנ אַפ די ערטער. די ראָליע פונ אַ קאָמיטעט באַם געגנטלעכנ אויספּירקאָמ פאַרבײַט דער אַזוי גערופענער פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר פונ דעמ ניט עקזיסטירנדיקנ קאָמערד אונ דער טעכנישער אַפּאַראַט באַ אימ. די אָרטיקע ראַיאָנע אויספּיר־קאָמיטעטנ, אַפ וועלכע עס איז, לויט דער באַשטימונג פונעמ ראַט־פאָלקאָמ, אַרופגעלייגט געוואָרנ די פאַראַנטוואָרטלעכקײַט פאַרנ אויס־פילנ דעמ איבערוואַנדערונגס־פּלאַנ, וואָס פאַלט אויס אַפנ ראַיאָנ, האָבנ זיכ נאָכ ביז איצט, אינ דער מערהײַט פאַלנ, ניט אײַנגעשלאָסנ אינ דער דאָזיקער אַרבעט.

4. עס פילט זיכ ניט, אַז די געזערד־אָרגאַניזאַציעס זאָלנ דורכפירנ אַ פּאַנאַנדערגעוויקלטע געזעלשאַפטלעכע אַרבעט לויט דער ליניע פונ דער איבערוואַנדערונג. דער אָנטייל אונ די אַרבעט פונעמ געזערד אינ דער איבערוואַנדערונג באַגרענעצט זיכ אינ איבערוויגנדיקער מערהײַט

פֿאַלן דעריבער מיט דער אַרבעט פֿונעם אַפּאַראַט, אָבער עס זעט זיך
ניט קיין גרעסטע פֿון די קאָמפּעטענץ פֿונעם אַקטיוו.

די דאָזיקע אַלע פֿעלערן אין דער אַרבעט פֿון דער איבערוואַנדערונג
זיינען פֿאַרצייכנט געוואָרן פֿונעם פּרעזידיום פֿונעם נאַציאָנאַליטעטן-
ראַט, וואָס האָט זיך ספּעציעל באַשעפֿטיקט מיט די פֿראַגן פֿון דער
איבערוואַנדערונג אין דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט.

איבער דעם אַרבעטער צום איבערוואַנדערונגס-פּלאַן אויף יאָר 1936.

דער אַלגעמיינער יערלעכער קאָנטינגענט פֿאַר דער איבערוואַנדע-
רונג אויף 1936 יאָר אין די גרונט-צווייגן פֿון דער ווירטשאַפֿט פֿון
דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט איז באַשטימט, אַלס מינימום, אין
א סכום פֿון 10 טויזנט מאַן אין באַשטאַנד פֿון 2 246 פֿאַמיליעס און
2 טויזנט איינצלנע איבערוואַנדערער.

דער סטרוקטור-באַשטאַנד פֿונעם פּלאַן פֿון דער איבערוואַנדערונג
לויט באַזונדערע ווירטשאַפֿט-צווייגן אויף 1936 יאָר (איינגעשלאָסן קאָר-
רעגן) זעט אויס אַזוי (איינגעשלאָסן פֿאַמיליע-מיטגלידער):

1936 (פּלאַן)

	צאָל מענטשן	פּראָצענט צום סאַכאַקל
1. אין דער אינדוסטריע (איינגעשלאָסן די בויונג און די קוסטאַר-געווערבן)	5 860	58,6
דערונטער:		
א) בויונג	830	8,3
ב) געווערב-קאָאָפּעראַציע	4 190	41,9
2. טראַנספּאָרט און פֿאַרבינדונג	1 600	16
3. לאַנדווירטשאַפֿט	1 640	16,4
4. סאָציאַל-קולטורעלע אַנשטאַלטן	700	7
דערונטער:		
סטודענטן פֿאַר די טעכניקומען	200	2
	10 000	100

א ראדיקאלע סטרוקטור-ענדערונג פונ דעמ איבערואנדערונג-פלאנ אפנ יאר 1936 איז דאס, וואס אינ דער איבערואנדערונגס-ספערע ווערט ארײנגעצויגנ אײנע פונ די גרונט-צווײגנ פונ דער ווירטשאפט פונ דער געגנט — דער אײזנבאנ-און וואסער-טראנספארט, וואס האבנ אינ יאר 1935 אופגענומענ סאכאקל 154 מענטשנ, אינ לויטנ פלאנ אפנ 1936 יאר דארפנ זײ אופנעמענ 1 600 מאנ. דער גרונט-געברויכער פארבלײבט אויכ אפנ קומענדיקנ יאר די געווערב-קאאפעראציע, אינ צוזאמענהאנג מיט דעמ אנגעצײכנטנ שטורמישנ וווּקס פונ דער פראדוציר-פראגראמ אונ מיט דער ארגאניזירונג פונ נײע פראדוקציע-צווײגנ. די צאל נײ-טיקע ארבעטער בויער, וואס איז געבראכט געווארנ אינ די ציפערנ פונ דער טאבעלע, איז פאקטיש גרעסער פונ 830, ווײל אינעמ פלאנ ווערט פארויסגעזענ דער טײל בוי-ארבעטער, וואס ווערנ אינ דער אנ-דערער מאס באווארנט מיט פלאנישער וווינונג-בויונג. אינעמ פלאנ איז פארויסגעזענ איבערואנדערונג פונ עקספלואטאציע-ארבעטער פאר אזעלכע אונטערנעמונגענ, ווי די ערשטע דרײ פונ דער נײ-פאבריק, דער וועגענער-זאוואד אונ דער לאנדאקאער זאוואד, וואס דארפנ געלאזט ווערנ אינ גאנג.

ניט קײנ גרויסנ ספעציפישנ געוויכט (16,4 פראצ.) פארנעמט נאכ אלץ די צאל איבערואנדערער אינ דער לאנדווירטשאפט, ווײל אנט-שפרעכיק די מעגלעכע פערספעקטיוונ פונ וווינונג-בויונג אינ די קאל-ווירטנ האבנ די געגנטלעכע ארגאניזאציעס געפאדערט ניט צו פאר-שטארקנ שארפ אינ 1936 יאר די קאלווירטישע איבערואנדערונג אונ קאנצענטרירנ די קויכעס אפ צוגרײטנ א ראדיקאלע פארגרעסערונג פונ דער לאנדווירטשאפטלעכער איבערואנדערונג אינעמ יאר 1937.

קלאר, אז באמ אויספילנ דעמ דאזיקנ פלאנ דארפ געלײגט ווערנ באזונדערע אכט אפ דער קוואליטעט פונ דער ארבעט.

די ארבעטער, בויער אונ קאלווירטניקעס, וואס ווערנ געשיקט אינ דער יידישער אווטאנאמער געגנט, דארפנ באהערשנ די טעכניק פונ דער סאציאליסטישער ווירטשאפט אונ זײנ צוגעגרײט אײנצופירנ די סטאכאנאווישע ארבעט-מעטאדנ אינ דער אינדוסטריע, אינ דער לאנדווירטשאפט, אינ דער וואלד-ווירטשאפט, אפנ טראנספארט, אינ

דער אנטוויקלונג פון פארשיידענע צווייגן פון קולטור און קונסט און אין פארבעסערן דעם לעבנשטייגער.

עס איז דעריבער נייטיק אין 1936 יאָר פארברייטערן די באזע פאר ווערבירן ארבעטקראפט פון יידישע ארבעטנדיקע פאר דער יידי־שער אויטאָנאָמער געגנט, ניט באגרענעצן זיך בלויז מיט די ראיאָנען פונעם געוועזענעם „טכום”, נאָר שעפן די נייטיקע ארבעטקראפט און די נייטיקע קאדערן פון א באליביקן פונקט פון סססר, ווו עס איז פאראן א געזערד־אָרגאניזאציע אָדער א פאָרשטייערשאפט פון קאָמ־ערד, איינשליסנדיק אויך די גרויסע קולטורעלע און אינדוסטריעלע צענ־טערס, ווי מאָסקווע, לענינגראד און אנדערע.

אפ ווײַטער איז אפילע פאר די איבערוואנדערישע קאָלווירטן טאָר מען ניט קאָמפּלעקטירן עלעמענטן בלויז לויטן סימען פון זייער פיזי־שער טויגבארקייט און מע מוז נעמען און אכט די נייע פאָדערונגען, וואָס ווערן ארויסגעשטעלט צו דער סאָציאליסטישער לאנדווירטשאפט, וועלכע איז שטארק באוואָפנט מיט מאשין־טעכניק. בלויז מיט פיזישער טויגבארקייט וועט שווער זיין צו דעררייכן די נייטיקע פאָרסירטע טעמפּן פון לאנדווירטשאפטלעכער באהערשונג, בא די באזונדערע שווע־ריקייטן, וואָס עס קומט אויס באצוקומען באם ארייננציען נייע ערד (מעליאָראציע, קאָרטשעוועס). די איבערוואנדערישע קאָלווירטן דארף מען טיילווייז קאָמפּלעקטירן מיט ד ע ר פ א ר ע נ ע ק אָ ל ו ו י ר ט נ י־ק ע ס פון יידישע קאָלווירטן אין פארשיידענע טיילן פונעם פארבאנד און בא געהעריקע באדינגונגען מיט גאנצע קאָלווירטן, ווי אויך מיט יידישע ארבעטנדיקע, וואָס זיינען באקאנט מיט באזונדערע צווייגן פון דער לאנדווירטשאפט.

מע טאָר ניט שיקן אין קאָלווירטן מענטשן, וואָס ווייסן ניט, וואָס איז אזוינס דער סאָציאליסטישער קאָלווירטישער סטאטוט, וואָס איז אזוינס א טאָג ארבעט, וואָס איז אזוינס א פארגעזעלשאפטלעכטע ווירטשאפט. דער קאָמערד האָט דעריבער טאקע ארויסגערוקט פארן געזערד די פאָ־דערונג צו אָרגאניזירן א ספּעציעלע צוגרייטונג פון די איבערוואנדע־רער, וואָס וועלן געשיקט ווערן לויטן קאָלווירטישן אָרדער.

באזונדערע אויפמערקזאמקייט דארף מיצאד די אָרטיקע געזערד־אָר־גאניזאציעס אָפּגעגעבן ווערן אפ אויסקלייבן און ארייננציען בויער. א־

בײַ דער קנאַפּער אופמערקזאַמקײט צו דער צוגרײטונג און װערבירונג פון ייִדישע איבערװאַנדערער בויער איז דער קאָמערד געװען געצװונגען אין יאָר 1935 צו קאָמפּלעקטירן אײנע פון די גרונט־גרופּן איבערװאַנדערער מיט בויער ניט ייִדן (778 מאַן). בײַ א מער אַקטיװער באַציִונג צו דער דאָזיקער פראַגע װאָלט מען געקאָנט א סאַך מער אַרײַנציִען פאַראַנענע קאַדערן ייִדישע בויער און ספּעציעל צוגרײטן אַזעלכע. דער קאָמערד האָט אין יאָר 1935 צוליב דעם אָרגאַניזירט צוגרײטונג פון בויער אין מאָסקװע אין דעם לערן־בוי־קאָמבינאַט, און אַף אַזא אופן זײַנען צוגעגרײט געװאָרן 150 מאַן.

די אופגאַבן, װאָס די פּאַרטײ און די רעגירונג האָבן געשטעלט — ראַדיקאַל צו פאַרביליקערן און צו פאַרבעסערן קװאַליטאַטיװ די בויאַרבעטן, װי אויך די פּערספּעקטיװ פון דעם װײַטערדיקן, פון יאָר צו יאָר שנעלערן װוּקס פון פאַרנעם פון דער קאַפּיטאַלער בויונג אין דער ייִדישער אװטאָנאָמער געגנט — שטעלן פאַר דעם קאָמערד און די געזערד־אָרגאַניזאַציעס געהעריקע גרויסע אופגאַבן. דער קאָמערד און די געזערד־אָרגאַניזאַציעס דאַרפן זיך פאַרנעמען אי מיט צוגרײטן פון צװישן די איבערװאַנדערער קאַדערן בויער, װאָס קאָנען האָבן א באַהילפיקע באַדינונג, אי װאָס שטאַרקער אַרײַנציִען דערפאַרענע הויכקװאַליפיצירטע בויער ייִדן, סײַ פון די צענטראַלע ראַיאָנען פון ססר סײַ אויך דורך איבערװאַנדערונג פון אויסלאַנד.

די איבערװאַנדערונג־אַרבעט אַפן יאָר 1936 פאַרברײטערט זיך דערמיט, װאָס לויט דער באַשטימונג פון דער רעגירונג פונעם 10 סענטיאַבער פון 1935 יאָר שטײט פאַר אַריבערצוזעצן אַפן כעזשבן פונעם אַלגעמײנעם פּלאַן 1 000 פאַמיליעס און 500 אײנצלנע איבערװאַנדערער פון אויסלאַנד.

דער קאָמערד האָט שוין פאַנאַנדערגעאַרבעט אויספירלעכע קלאָלים װעגן דער איבערװאַנדערונג פון אויסלאַנד, לויט װעלכע עס איז פעסטגעשטעלט געװאָרן די אָרדענונג פון דער װערבירונג, טראַנספּאָרטירונג און פונעם אופנעם פון די איבערװאַנדערער פון אויסלאַנד.

די גרונט־אופגאַבע אין פראַט פון איבערװאַנדערונג פון אויסלאַנד איז אָפּצוקלײַבן אין אויסלאַנד קװאַליפיצירטע אַרבעטער פון פּראָפעסיעס, דעפיציטע צװישן די ייִדן פון ססר, און, פריִער פאַר אַלץ,

פונ בוידער אונ ארויסשיקנ זיי אינ אנהייב פונעמ בוי-סעזאָנ, קעדיי זיי זאָלנ שוינ קאָנענ זיכ באטייליקנ אינ אויספילנ דעמ פלאַנ פונ דער אינדוסטריעלער אונ וווינונג-בויונג דאנ, ווענ דער בוי-סעזאָנ איז אינ גרעסטנ ברענ.

די איבערוואנדערונג פונ אויסלאנד וועט פאָדערנ אנ אקטיווע אָרגאניזאציאָנעלע הילפ מיצאד דעמ געזערד, סײַ באמ ווערבירנ סײַ אויכ פאר דער קולטורעלער באדינונג אינ וועג, אונ אויכ דעמ אנטשפרעכיקנ מאטעריעלנ אָנטייל אינ אָרגאניזירנ בייסנ אריבערפאָרנ אינ דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט א 2—3-טאָגיקנ באזוכ אינ מאָסקווע, קעדיי צו באקענענ זיי פאָרלויפיק מיט דער סאָציאַליסטישער ווירטשאפט, מיט דער סאָציאַליסטישער קולטור אונ מיטנ נײַעמ פאר זיי סאָוועטישנ שטייגער.

די באדינענדיק געהעכערטע פאָדערונגענ צו דעמ קולטור-מעכנישנ ניוואָ פונ די ווערבירטע א בערוואנדערער אונ, ביפראט, צו די איבערוואנדערער פונ אויסלאנד וועלנ מיצאד די אָרגאניזאציעס פונ דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט פאָדערנ א סיסטעמאטישע, אקטיווע אונ דײַטלעכע אָנפירונג אינ אויספילנ דעמ פלאַנ פונ דער וווינונג-בויונג פאר די איבערוואנדערער, פאר באזאָרגנ זיי מיט קולטורעלע דירעס אונ מיט דער עלעמענטארער הויז-ווירטשאפט, וואָס איז אײַנגעשטעלט לויט די קלאָליס פונעמ ראטפאָלקאָמ, דיסקאָנטירנדיק, אז די אויספילונג פונעמ פלאַנ פונ דער וווינונג-בויונג איז דער וויכטיקסטער, באשליסנדיקער פאקטאָר אינ דער אויספילונג פונ דעמ איבערוואנדערונגס-פלאַנ אפנ יאָר 1936.

דעמ דאָזיקנ ארבעטס-באציִרק ווערט צוגעגעבנ אנ אויסשליסלעכע באדײַטונג, אונ דעריבער איז אינעמ פראָיעקט פונ דער באשטימונג, וואָס דער מעלוכע-פלאַנ פונ פסטר האָט אויסגעארבעט, אָנגענומענ א פונקט, אז די פערזענלעכע אויפזיכט איבערנ גאנג פונ דער וווינונג-בויונג ווערט ארויפגעלייגט אפנ פאָלקס-קאָמיסאר פונ דער אָרטיקער אינדוסטריע, אפנ ח' א ו כ א נ אָ ו, אפ דעמ פאָלקס-קאָמיסאר פונ די ראטנווירטנ, דעמ ח' ק א ל מ א נ אָ ו י ט ש, אפ דעמ פאָלקאָמוואלד, דעמ ח' ל אָ ב אָ ו, אפנ פאָלקאָמערד, דעמ ח' ט ש ע ר נ אָ ו אונ אינ פאָלקאָמפארקער — אפנ ח' פ אָ ס ט נ י ק אָ ו.

עטלעכע ווערטער צו דער פראגע וועגן „קאנטינגענטן". פארשטייט זיך, אין די שטעטלעך און שטעט פונעם געוועזענעם טשום זײַנען פארגעקומען באדײַטנדיקע ענדערונגען. עס איז פארשוואונדן דער דעקלאסירטער עלעמענט, וואס די זארג וועגן אים איז זײַנערצײַט אפילע געווען א גרונט פאר דער ארגאניזירונג פונעם קאמעד.

די ארבעט פונעם קאמעד און דעריקער דער ערשטער פינפיאר האבן ארײַנגעטראגן אנטשיידענע ענדערונגען אינעם סאציאלן באשטאנד פון די יידן פונעם געוועזענעם „טשום". די יידישע מאסן זײַנען ארײַנגעצויגן געווארן אין דער לאנדווירטשאפט, אין דער אינדוסטריע. עס איז באדײַטנדיק שוואכער געווארן די יידישע באפעלקערונג פונעם שטעטל, און פאר דעם פארבליבענעם טייל יידישע באפעלקערונג אין שטעטל איז אויך „לעבן געווארן בעסער, לעבן געווארן פרייליכער". אבער נאך פיל בעסער, אינטערעסאנטער און פילארטיקער איז געווארן דאס לעבן אין דער יידישער אויטאנאמער געגנט.

מענטשן פארן אין דער יידישער אויטאנאמער געגנט דערפאר, ווײַל דארט קאן זייער מי און די מי פון אלע ארבעטספייקע פאמיליע-מיטגלידער זייערע אויסגענוצט ווערן פולשטענדיקער, און אין לעצטן סאציאל ווערט זי בעסער באלוינט. זיי פארן אבער אהין אויך דערפאר, ווײַל אין דער יידישער אויטאנאמער געגנט קענען זיי ניט נאר ארבעטן, נאר אויך באקומען פאר זיך און פאר זייערע קינדער די מעגלעכקייט ברייטער און פולשטענדיקער צו באפרידיקן זייער שטרעבונג צו א קולטורעלן לעבן. דער דאזיקער אומשטאנד נעמט דעריבער ארויף די פראגע וועגן „קאנטינגענטן", ער נעמט ארויף די פראגע וועגן דער מעגלעכקייט אויסצופילן דעם פלאן, ער נעמט אבער ניט ארויף, נאר, פארקערט, ער מאכט נאך מער אקטועל די פראגע וועגן דער פארשטארקטער וואכזאמקייט באם אפקלײַבן די איבערוואנדערער און ניט דערלאזן קיין [illegible] געשטימטע עלעמענטן.

5

קאַדרען

די פאַרוואַנדלונג פונעם געוועזענעם בירעבידזשאַנער ראַיאָן אין אַן אויטאָנאָמער געגנט האָט, נאַטירלעך, אַרויסגערופן אַ שאַרפע באַדערפעניש אין פאַרשיידנאַרטיקע קאַדרען צו קאָמפּלעקטירן די געגנטלעכע אָרגאַנען. אין דער זעלבער צייט האָט דער פאַרשטאַרקטער וווקס פון דער ווירטשאַפטלעכער און קולטורעלער בויונג געפאָדערט צוציען אין יאָר 1935 צאָלרייכע ספּעציאַליסטן פאַר פאַרשיידענע צווייגן פון ווירטשאַפטלעכער און אויפקלערערישער אַרבעט.

די אָרגאַניזאַציאָנעלע מאָסמיטלען, וואָס דער קאָמערד און דער געגנטלעכער אויספירקאָם האָבן אָנגענומען, האָבן אַרויסגערופן אַ באַדייטנדיקן דראַנג פון קאַדרען צו דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט, און דער קאָמערד האָט אין 1935 יאָר פון די 2 024 ספּעציאַליסטן און טוער, וואָס האָבן אים אָנגעגעבן מעלדונגען, אָפּגעשיקט אין דער געגנט 598 ספּעציאַליסטן און אָנפירנדיקע טוער פון פאָלגנדיקע ספּעציאַליטעטן:

1) אדמיניסטראַטיוו־ווירטשאַפטלעכע קאַדרען 140

2) ספּעציאַליסטן פון דער לאַנדווירטשאַפט—אַגראָנאָמען, זאָאָ־טעכניקער, וועטערינאַרע דאָקטוירים און ערד־איינאָרדענער. 28

3) אינזשעניערן און טעכניקער פון דער אינדוסטריע . . . 70

4) ספּעציאַליסטן פון טראַנספּאָרט און פאַרבינדונג 24

5) ספּעציאַליסטנ פונ פאָלקסבילדונג אונ קונסט 162
6) פינאַנציעלע אונ בוכהאַלטערישע טוער 89
7) מעדפּערסאָנאַל 45
8) יוסטיצ־טוער 4
9) אנדערע. 36

אינ דער אָנגעװיזענער צאָל ספּעציאַליסטנ זײַנענ געװענ 105 פּאַר־טײ־מיטגלידער אונ קאַנדידאַטנ אונ 158 קאָמיוגיסטנ.

אָבער דער באַדײַטנדיק שטײַגנדיקער פאַרנעמ פונ די קאַפּיטאַל־אינװעסטיציעס, װאָס איז אָנגעצײכנט לויט פּלאַנ אויפנ יאָר 1936, די בויונג פונ א רײ נײַע אָביעקטנ, די אָרגאַניזירונג פונ דרײַ נײַע מאַשינ־טראַקטאָרנע סטאַנציעס, די פאַרשטײענדיקע אינ יאָר 1936 עפענונג פונ א רײ נײַע קולטור־שטײגערישע אַנשטאַלטנ, די װײַטערדי־קע פאַרטיפערונג פונ די האַנדלשע אונ פינאַנציעלע אָפּעראַציעס װעלנ אומבאַדינגט פאָדערנ א נײַעמ באַדײַטנדיקנ צופלוס פונ אָרגאַניזאַציאָ־נעלע אונ טעכנישע קאַדרענ, פאַרשידנאַרטיקע ספּעציאַליטעטנ, סײַ פאַרנ נעענטלעכנ צוקונפט סײַ אויכ פאַר די ראַיאָנענ אונ אונטערשטע אָר־גאַנענ.

אויב אפילע אינ געביט פונ מאַסנ־איבערװאַנדערונג איז נאָכ ניט געלונגענ צו דערגרייכנ פולשטענדיקע פּלאַנישקײט אינ דער אַרבעט, איז אינ פּראָצעס פונ װערבירנ ספּעציאַליסטנ די לאַגע באַדײַטנד ערגער. אינ יאָר 1935 איז ניט געװענ ניט קײנ יאָר־פּלאַנ, ניט קײנ קװאַרטאַל־פּלענער פונ דער באַדערפעניש אינ קאַדרענ.

דער קאָמיטעט שטעלט פאַר זיכ די אויפגאַבע באַמ דורכפירנ די אָפּמאַכ־קאַמפּאַניע אויפנ יאָר 1936 מיט די פאָלקס־קאָמיסאַריאַטנ אונ מיט די אַמטנ גלײַכצײַטיק מיטנ אײַנשטעלנ די צאָל איבערװאַנדערער באַשטימענ אויכ די יערלעכע באַדערפעניש אינ ספּעציאַליסטנ אונ דערשלאָגנ זיכ, עס זאָלנ צוגעשטעלט װערנ קװאַרטאַל־מעלדונגענ אפ קאַדרענ.

אויפנ יאָר 1936 דאַרפ מענ אױסשטעלנ די אויפגאַבע אױסער אויס־פירקאָמישע קאַדרענ — לערער, דאָקטוירים, בוכהאַלטערס, ספּעציאַליס־

טנ פונ דער לאנדווירטשאפט, אפ וועלכע עס איז, דעריקער, געווענ קאָנצענטרירט די אויפמערקזאמקייט אינ יאָר 1935, צוציענ נאציאָנאלע קאדרענ ספעציאליסטנ פאר אלע ווירטשאפט-צווייגנ פונ דער געגנט אינ דערהויפט אויכ אפ אזעלכע צווייגנ, ווי די וואלד-ווירטשאפט, גאָלד-אינדוסטריע, אפנ אייזנבאנ אינ וואסער-טראנספאָרט (שעפנ פונ סטאנציעס, פונ עקספלואטאציע א.א.וו.), אפנ לופט-טראנספאָרט, אפ געאָלאָגישע אויספארשונגענ, מעליאָראציע, ווו עס זיינענ אַרײַנ זייער ווייניק נאציאָנאלע קאדרענ אָדער זיי פעלנ אינגאנצנ.

אזעלכע הויכקוואליפיצירטע ספעציאליסטנ פאר דער אינדוסטריע, פאר דער לאנדווירטשאפט זיינענ נייטיק, אונ מע דארפ גלייכ צוטרעטנ אויסצוגעפינענ זיי, וואָס זיינענ מאסקימ צו פאָרנ אינ דער יידישער אווטאָנאָמער געגנט, אונ נישט ווארטנ אפילע אפ באקומענ ספעציעלע פאָדערונגענ פונ דער געגנט.

צוזאמענ דערמיט מוז מענ היסקאָנטירנ, אז די אינדוסטריע פונ דער געגנט הייבט זיכ אונ אפ א העכערער שטופע אונ זי שטעלט דעריבער ארויס גרעסערע, ווי ביז איצט, פאָדערונגענ צו די אדמיניסטראטיווע קאדרענ אונ ספעציאליסטנ, וואָס ווערנ אהינ געשיקט.

6

די פאָלקווירטשאפטלעכע אנטוויקלונג פונ דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט אונ די אויפגאבנ פונ די געזערד־אָרגאניזאציעס

די צענטראלע אויפגאבע פונ דער געזערד־אָרגאניזאציע איז אלזײַטיק מיטצוהעלפנ דער שנעלסטער אנטוויקלונג פונ דער ווירטשאפטלעכער אונ באזונדערס פונ דער קולטורעלער אנטוויקלונג פונ דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט אונ אויפהייבנ דעמ קולטורעלנ ניוואָ פונ די ארבעטערישע אונ קאָלווירטישע מאסנ, סײַ פונ די, וואָס זײַנענ פאראנ אינ דער געגנט, סײַ אויכ פונ די, וואָס וואנדערנ פונדאסנײַ אהינ איבער, צוליב דער ווײַטערדיקער, אלזײַטיקער פארפעסטיקונג אונ וווּקס פונ דער סאָציאליסטישער באוועגונג דאָרט. אפ דער דאָזיקער פראגע האָט זיכ מיט אויסשעפנדיקער פולקײַט אָפּגעשטעלט אינ זײַנ פאָרטראג אפנ געזערד־פּלענומ דער כ' ד י מ א נ ש ט י י נ, אונ דעריבער וועלנ מיר זיכ סטאראנ קאָנקרעטיזירנ די דאָזיקע אויפגאבנ אינ צוזאמענהאנג מיטנ פּלאנ פונ דער בויונג אינ דער געגנט אינעמ יאָר 1936.

די געזערד־אָרגאניזאציעס דארפנ אפנ יאָר 1936 קאָנצענטרירנ זייער אויפמערקזאמקײַט אפ די פאָלגנדיקע גרונט־מאָמענטנ:

א) פלאנמעסיקע פארשטארקונג פונ אָרגאניזאציאָנעלנ אונ קאָנסול־טירישנ שטעטונג מיצאד באזונדערע געזערד־אָרגאניזאציעס איבער באַשטימטע צווײַגנ פונ דער ווירטשאפטלעכער אונ קולטורעלער בויונג

פונ דער געגנט, פאַרטיילנדיק קאָנקרעט די שעפטומ־אָביעקטנ צווישנ באַזונדערע געזערד־אָרגאַניזאַציעס פונ גרויסע געגנטנ, קאַנטנ אונ רע־פובליקנ, אײַנשטעלנדיק סײַ באַמ צענטראַל־ראַט פונ געזערד אַנטשפּרע־כיקע סעקציעס אונ א סיסטעמאַטישנ ערנסטנ אינסטרוקטאַזש סײַ אויכ באַ די גרעסערע געגנטלעכע אונ רעפובליקאַנישע אָרגאַניזאַציעס.

שוינ אינ יאָר 1935 האָט דאָס שעפטומ פונ די געזערד־אָרגאַניזאַ־ציעס זיכ גוט באַנוצט מיט הילפ מיט, אויסשטאַטונג אונ מיט מיטלענ פאַר באַזונדערע אונטערנעמונגענ. עס איז גענוג אָנצוווײַזנ אַפ צוויי דעלעגאַציעס, וואָס זײַנענ אָרגאַניזירט געוואָרנ לויט דער איני־ציאַטיוו אונ באַ דער אַקטיווער מיטהילפ פונעמ באַרקאָווער געגנט־לעכנ געזערד. דאָס איז די דעלעגאַציע פונ פאַראַנטוואָרטלעכע טוער צו געבנ אָרגאַניזאַציאָנעלע אונ קאָנסולטירישע הילפ פאַרשיידענע אָפּ־טיילנ פונ דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט אונ די דעלעגאַציע פו־נעמ פאָלקאָמגעזונט פונ אוססר צוזאַמענ מיטנ באַרקאָווער אינסטי־טוט פונ עקספּערימענטאַלער מעדיצינ צוליב פאָרשנ אונ אָרגאַניזא־ציאָנעל העלפנ אינ דער אַנטוויקלונג פונעמ מעדיצינ־וועזנ אינ דער געגנט. ניט געקוקט אַפ דער גרויסער אַרבעט, וואָס די דאָזיקע דעלע־גאַציעס האָבנ דורכגעפירט, דאַרפ מענ דאָכ אָנערקענענ, אַז זייער אַרבעט האָט געטראָגנ אַנ עפּיזאָדישנ כאַראַקטער אונ האָט דעריבער ניט געגעבנ דעמ געהעריקנ עפעקט. אָבער ס'איז קיינ ספק ניט, אַז מע וואָלט געקאָנט דערגרייכנ א סאַכ גרעסערע רעזולטאַטנ, ווענ דער צענטראַל־ראַט פונ געזערד פונ אוקראַינע אונ דער באַרקאָווער געז־ערד וואָלטנ אָרגאַניזירט א שטענדיקע מעדיצינישע סעקציע, וואָס אינ איר אויפגאַבנ זאָל אַרײַנ הילפ אינ אָרגאַניזירנ דאָס גאַנצע הייל־וועזנ אינ דער געגנט, הילפ אינ אויסריכטנ דערפאַרענע דאָקטוירימ אינ דער געגנט (ביז איצט ווערנ דאָכ די מעדיצינישע גרונט־קאַדרענ קאָמפּלעק־טירט פונ די, וואָס האָבנ פאַרענדיקט דעמ הײַסיגנ מעדטעכניקומ), אינ אויסשטאַטונג באַזונדערע קאַבינעטנ אונ באַזונדערס אינ הילפ דעמ גרויסנ שפּיטאָל, וואָס ווערט אינ 1936 יאָר געעפנט.

לאָמיר נעמענ א צווייטע סעקציע — די אינזשעניער־טעכנישע. עס זײַנענ פולקומ קלאָר די קאָנטורנ פונ איר אַרבעט. פאַרבינדונג מיטנ פאָלקס־קאָמיסאַריאַט פונ דער אָרטיקער אינדוסטריע אָדער מיט אַנ

אַנדערע פֿאָלקס־קאָמיסאַריאַטן, וואָס פֿירט דורך בויונג אין דער געגנט, שטענדיקע פֿאַרבינדונג מיט אָביעקט, וואָס בויט זיך, קלאָר מאַכן זייער דרינגענדיקע גרונט־באַדערפֿענישן, העלפֿן אים מיט מענטשן און מאַטעריאַלן, הילף בײַ פּראָיעקטירונג, צולעצט, קאָנסולטאַציע־הילף — דאָס אַלץ בינדט, ערשטנס, ענג צוזאַמען די געזערד־אָרגאַניזאַציעס מיט דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט, צווייטנס — גיט דאָס די מעגלעכקייט פֿונאַנדערצואַוויקלען א ווירקלעכע געזעלשאַפֿטלעכע אַרבעט און אַוועקשטעלן די שעפֿ־אַרבעט פֿון די געזערד־אָרגאַניזאַציעס אויף א פֿיל העכערער שטופֿע.

מיר אַלע גיבן צו א קאָלאָסאַלע באַדײַטונג דער אַנטוויקלונג פֿון דער ייִדישער סאָציאַליסטישער קולטור. צוזאַמען דערמיט ווייסן מיר, אַז די גרונט־טוער פֿון דער ייִדישער קולטור געפֿינען זיך נאָך בײַ הײַנטיקן טאָג אַלע אין מאָסקווע, קיִעוו, מינסק, אָבער ניט אין דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט. א גרויסע אָנגעשטרענגטע אַרבעט שטייט פֿאַר דער ספּעציעלער קולטור־סעקציע בײַם צענטראַל־ראַט פֿונעם געזערד אין מאָסקווע און אין קיִעוו — צו שטעלן און פֿונאַנדעראַרבעטן א רײַ פֿראַגן, וואָס האָבן א שײַכות צו קולטור־בויונג, אָנהייבנדיק מיט פֿונאַנדעראַרבעטן די טעמאַטיק פֿון דער קינסטלערישער, וויסנשאַפֿטלעכער און קינדערשער ליטעראַטור, וואָס מע דאַרף אַרויסגעבן, פֿון שטעלן א קינאָ־פֿילם, שאַפֿן הילף צו באַפֿעסטיקן דעם ייִדישן טעאַטער, אָרגאַניזירן קאָלווירטישע טעאַטערן.

קלאָר, אַז די אָרגאַניזירונג פֿון אַזאַ פֿאַרטיילונג פֿון שעפֿטום צווישן באַזונדערע אָרגאַניזאַציעס וואָלט מאָביליזירט די געזערדישע געזעלשאַפֿטלעכקייט, וואָלט געגעבן קלאָרקייט און קאָנקרעטקייט אין דער אַרבעט פֿאַר מיטהעלפֿן דער פֿאָלקווירטשאַפֿטלעכער און קולטורעלער אַנטוויקלונג פֿון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט, עס וואָלט צוגעצויגן צום אָנטייל אין דער געזערד־אַרבעט פּראָדוקציר־אַרבעטער און ספּעציאַליסטן.

די רעפּובליקאַנישע, קאַנטישע און געגנטלעכע געזערד־אָרגאַניזאַציעס וואָלטן פֿון זייער זײַט געקאָנט פּלאַניש פֿאַרטיילן די שעפֿטום־אָביעקטן צווישן די אונטערשטע געזערד־אָרגאַניזאַציעס.

עס איז ניט נייטיק צופֿיל צו צענטראַליזירן די שעפֿטום־אַרבעט

אינעמ צענטראל=ראט פונ געזערד אונ מע האט דערלאזנ אז אוממיטל=בארע פארבינדונג פונ די געזערד=ארגאניזאציעס מיט געגנטלעכנ אויספירקאמ אונ מיט באזונדערע ארגאניזאציעס אינ דער יידישער אויטאנאמער געגנט.

וויכטיק איז בלויז, אז דער צענטראל=ראט פונ געזערד זאל צענטרא=ליזירט פלאנירנ, העלפנ אינסטרוקטירנ אונ זאל דיסקאנטירנ די שעפ־טומ־ארבעט, וואס די ארגאניזאציעס האבנ דורכגעפירט אונ וואס האט ניט קיינ קלענערע באדייטונג, ווי די פינאנסיעל-מאטעריעלע הילפ.

אזא שעפטומ=ארבעט פונ דער געזערד=ארגאניזאציע וואלט געגעבנ א גרעסערע עפעקטיווקייט אינ דער אנטוויקלונג פונ דער פאלקווירט=שאפט אונ קולטור פונ דער יידישער אויטאנאמער געגנט.

ב) די צווייטע ניט ווייניקער וויכטיקע אויפגאבע פונ די געזערד=אר=גאניזאציעס איז אויסגעפינענ אונ ווערבירנ איבערוואנדערישע קאד=רענ אונ קאדרענ ספעציאליסטנ, צוגעפאסט צומ באשטעטיקטנ פלאנ, אונ די קולטור=באדינונג פונ די איבערוואנדערער, ביפראט די איבער-וואנדערער פונ אויסלאנד, בא זייער אריבערפארנ אינ דער יידישער אויטאנאמער געגנט.

אפ די גרונט-אויפגאבנ אינ דעמ דאזיקנ געביט האבנ מיר זיכ גע-נוי אפגעשטעלט, ריידנדיק וועגנ דער איבערוואנדערונג. נאר דא איז וויכטיק גאנצמאל אונטערצושטרייכנ די נויטיקייט פונ א גרויסער אקטיווער ארבעט פונ דער געזערדישער געזעלשאפטלעכקייט, די נויט=קייט פונ א סיסטעמאטישער ארבעט פונ די געזערד=ארגאניזאציעס, א סיסטעמאטישע הילפ אונ קאנטראל מיצאד דעמ צענטראל=ראט פונ געזערד, מיצאד די רעפובליקאנישע אונ געגנטלעכע געזערד=ארגאניזאצי=עס איבער דער ארבעט פונ די געזערד=קעמערלעכ אונ א ריכטיקע אר=גאניזירונג פונעמ דיסקאנט פונ דער ארבעט, וואס די ארגאניזאציעס האבנ דורכגעפירט אינ געביט פונ איבערוואנדערונג.

ג) איבערקוואליפיצירנ אינ זייערע אונטערנעמונגענ אונ אפ אפ=מאכ=יעסוידעס מיט אנדערע ארגאניזאציעס 1 000 ארבעטער.

★

ווענ מיר באטראכטנ די גרויסע פראגראמ, וואס איז אנגעצייכנט צו פארווירקלעכנ אינ יאר 1936, אינעמ פערטנ יאר פונעמ צווייטנ פינפ=

יאָר, אינעמ סטאַכאַנאָווישנ יאָר, קומענ ניט ווילנדיק אויפ אינ זיקאָרנ די פאָלגנדיקע ווערטער פונעמ כאַווער מ. אי. קאַלינינ:

„די בירעבידזשאַנער ייִדישע נאַציאָנאַליטעט וועט ניט זײַנ קײנ נאַציאָנאַליטעט מיט די שטריכנ פונ שטעטלדיקע ייִדנ, ווײַל פונ איר אַרבעטנ זיכ אויס סאָציאַליסטישע „קאָלאָניזאַטאָרנ“ פונ א פרײַער, א רײַכער ערד, וועלכע וועלנ זײַנ שטאַמ-פאָטערס פונ א באַנײַטער, שטאַרקער נאַציאָנאַליטעט אינעמ באַשטאַנד פונ דער מישפּאָכע פונ די סאָוועטישע פעלקער“.

„מיר האָפנ, אַז בירעבידזשאַנ וועט זײַנ דאָס אָרט, וווּ מע וועט קאָנענ אָרגאַניזירנ א ייִדישע רעפּובליק, צו וואָס מיר שטרעבנ איצט פּראַקטיש“ (קאַלינינ).

דאָס יאָר 1935, דאָס ערשטע יאָר פונעמ לעבנ פונ דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט, איז די ערשטע דערגרייכונג צו דער פּראַקטישער פאַרווירקלעכונג פונ דער דאָזיקער אויפגאַבע. די פולע פאַרווירקלעכונג פונ דער פּראָגראַמ פונ 1936 יאָר וועט אײַנרז נאָכ מער דערנענטערנ צו דעמ דאָזיקנ מאָמענט. לויט דער דאָזיקער פּראָגראַמ וועט דאָס לאַנד אויל גאַנג די אונטערנעמונגענ, וואָס זײַנענ אַנגעמערקט געוואָרנ בלויז לויט דער ליניע פונעמ פאָלקס-קאָמיסאַריאַט פונ דער אָרטיקער אינדוסטריע, פאָדערנ אינ מעשעכ פונ די גאַנצע 2—3 יאָר בא 9 טויזנט אַרבעטער און אָנגעשטעלטע אָדער בא 20 טויזנט מענטשנ מיט פאַמיליע-מיטגלידער. די איבעריקע אינדוסטריע און לאַנדווירטשאַפט דאַרפנ אַרײַנעמענ אויכ ניט ווייניקער פונ 20—25 טויזנט מאַנ, דאָס הייסט, מיט אַנדערע ווערטער, פאַרגרעסערנ די ייִדישע באַפעלקערונג פונ דער געגנט ביז 60—65 טויזנט מאַנ.

די דערפאָלגנ פונעמ 1935 יאָר און די הונדערטפּראָצענטיקע אויספילונג פונ פאָלקווירטשאַפטלעכנ פּלאַנ און פונעמ איבערוואַנדערונגס-פּלאַנ אינ יאָר 1936 שאַפנ, ווי איר זעט, גינסטיקע באַדינגונגענ פאַר דער פּראַקטישער פאַרווירקלעכונג פונ מיכאַיל איוואַנאָוויטש קאַלינינס פאַרשלאָג וועגנ אויסבילדנ א ייִדישע אויטאָנאָמע סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליק.

★

מיר שיקן א גרוס די בויער פון בירעבידזשאן, פריער פאר אלץ די סטאכאנאווצעס פון בירעבידזשאן (אפּלאָדיסמענטן). מיר שיקן א גרוס אלע פארטייאישע און ניט־פארטייאישע באָלשעוויקעס פון דער יידישער אווטאָנאָמער געגנט, איר אָנפירונג, וואָס פארווירקלעכט מיט באָלשעוויסטישער הארטנעקיקייט די גרויסע בויונגס־פראגראם פון בירעבידזשאן (אפּלאָדיסמענטן). מיר שיקן א גרוס אויך דער קאַנט־אָנפירונג, וואָס פירט אָן און העלפט פראקטיש צו פארווירקלעכן די דאָזיקע גרויסע בויונג. (אפּלאָדיסמענטן).

מיר, כאוויירים, באגריסן מיכאיל איוואַנאָוויטש קאלינין (שטורמישע, דויערנדיקע אפּלאָדיסמענטן, אויסרופן „הוראַ“), וואָס זיין 60־יאָריקער יובילעי האָט ניט לאנג פארצייכנט דאָס גאנצע לאנד, דער גאנצער פארבאנד, דערונטער אויך די יידישע אווטאָנאָמע געגנט.

זאָל לעבן אונדזער גרויסע קאָמוניסטישע פארטיי, אונדזער רעגירונג, וואָס אונטער איר אָנפירונג איז אויסגעוואקסן די סאָלידאַרע ארמיי פון די ארבעטער פון אלע נאַציאָנאַליטעטן, וואָס פארווירקלעכט דעם וווּנדערלעכן בונד פון די פיל פעלקער פון אונדזער פארבאנד.

זאָל לעבן דער גרויסער אָנפירער פון די גרויסע זיגן פון אונדזער גרויסן לאנד — דער גרויסער סטאַלין! (דויערנדיקע אפּלאָדיסמענטן).

אינהאלט

זייט

1. אריינפיר 5

2. די דערפאָלגנ פונ דער ווירטשאפטלעכער אונ קולטורעלער בויונג אינ 1935 יאָר . 13

3. דער פאָלקווירטשאפטלעכער פּלאנ פונ דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט אפנ 1936 יאָר 31

4. איבערוואנדערונג 42

5. קאדרענ 53

6. די פאָלקווירטשאפטלעכע אנטוויקלונג פונ דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט אונ די אויפגאבנ פונ די געזערד־אָרגאניזאציעס 56

פארלאג „עמעס“

מאָסקווע, סטאַראָפּאַנסקי געסל, נומ. 1

צומ צווייטנ יאָרטאָג פונ דער באשטימונג

וועגנ דער יידישער אווטאָנאָמער געגנט

לאָזט דער פארלאג „עמעס“ ארויס

ב. אי. טראָצקי

בירעבידזשאנ אינ 1935 אונ אינ 1936 י.

פאָרטראָג אפנ פלענומ פונ געזערד

א. קירזשניצ

בירעבידזשאנ אינ אופשטייג

מיט באשטעלונגענ זיכ ווענדנ אינ אלע בוכהאנדלונגענ אונ לויטנ אדרעס:

Москва, Старопанский пер., № 1,
Изд-во «Эмес»

פארלאג „עמעס״

מאָסקווע, סטאראָפאנסקי געסל, נומ. 1

עס געפינט זיך אינ דרוק אונ וועט
אינגיכנ דערשײַנענ דער זאמלבוך

בירעבידזשאנ אינ דער קינסטלערישער ליטעראטור

לידער אונ פארצייכענונגענ וועגנ בירעבידזשאנ פונ די בעסטע יִדישע סאָוועטישע אונ רעוואָלוציאָנערע שרײַבער.

מיט באשטעלונגענ זיך ווענדנ אינ אלע
בוכהאנדלונגענ אונ לויטנ אדרעס :

Москва, Старопанский пер., № 1,
Изд-во «Эмес»